מַעֲשֶׂה הוֹרְדוֹס

אֵיינֶע טְרַאגֶעדִישֶׁע אוּנ רִירֶענְדֶע גֶעשִׁיכְטֶע .

וֶועלְכֶע עֶס הָאט גִיטְרָאפִין אִין דִיא צַייטֶען פוּן דִיא תַּנָאִים , הִלֵל וְשַׁמַאי , בְּעֶרֶךְ אַכְטְצִיג יָאר פַאר דֶעם חוּרְבַּן בַּית שֵׁנִי .

פון מיו"ם

34

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY

ווילנא

שנת תרל"ד לפ"ק

МААСЕ ГОРДОСЪ,
т. е. Исторія Ирода.
соч. І. М. Вольмана.

ВИЛЬНА,
Въ Типографіи Фина Розенкранца
и Шрифтзетцера. 1873.
На Вилейской улицѣ, домъ № $^{715}/_{24}$

Дозволено Цензурою 1 Сентября 1873 г. Вильна.

ערשטער קאפיטעל

דֶער מִדְבַּר יְהוּדָה .

אויף אַיין ווִיסְטֶע לַאנְד אִין אֵיינֶעפָארְכְטבָּארֶע פוּסְטִינֶע זֶעהֶען זִיךְ אָן הוֹיכֶע בֶּערְג , זֵייעָרֶע שְׁפִּיצִין גְרֵייכֶען צוּם הִימֶעל דֶר גַאנְצֶר גֶעגֶענְד אִיז אִימְגֶעגֶבִּין פוּן הוֹיכֶע סְקאלֶעם פָארְכְטִיגֶע פֶעלְזֶען , דֶער הִימֶעל פוּן אוֹיבִּין זֶעהְט אוֹיס בְּלָאה דִיא שְׁפִּיל פוּן דֶער נַאטוּר אִיז דָארְט פְּרַאכְטִיג שֵׁיין , אִין דֶער מִיטֶען פוּן דִי פֶעלְזֶן אוּנ אִין דִי קְלוּפְטֶען פוּן דֶער עֶרְד הָאט דִיא אַלְמַאכְטִיגֶע הַאנְד פוּן גָאט נָאךְ פוּן שֵׁשֶׁת יְמֵי בְּרֵאשִׁית אָן · אוֹיס גֶעבִּילְדֶעט זֵייעֶר בְּרֵייטֶע אוּנ גֶערוֹימֶע הֵילֶען · אוּנ דוּרְךְ דִיא אֵיינְגֶע שְׁפַּאלְטֶען פוּן דִיא פֶעלְזֶען פַאלֶען הֶערַאיין דִיא שְׁטְרַאהְלֶען פוּן דֶעם לִיכְטִיגֶען טָאג · אִין דִיזֶען מִדְבָּר קוּמְט קַיין מָאל אַיין פוּס פוּן אַיין מֶענְשִׁין אָדֶער פוּן אַיין בְּהֵמָה · דִיא בְּרֶענֶעדִיגֶע הִיטְץ הָאט גֶערוֹיבְּט דָאס וַואסֶער פוּן יֶענֶעם אָרְט · נָאר צוּא צַייטֶען זֶעט מֶען דָארְט דֶעם גְרוֹיסִין שְׁפָארְבֶּער מִיט זַיינֶע לַאנְגֶע פְלִיגֶעל אוּם פְלִיהֶען אוֹיף דִיא הוֹיכֶע פֶעלְזֶען · וֶועלְכֶע יָאגְט זִיךְ נָאךְ צוּ פַאנְגֶען דִיא אָרִימֶע אוּנְשׁוּלְדִיגֶע טוֹיבֶּען צוּא עֶסִין זֵייעֶר פְלֵיישׁ אוּנ צוּ טְרִינְקֶען זֵייעֶר בְּלוּט · דִיזֶע הוֹכֶע בֶּערְג צִיהֶען זִיךְ אִין דָרוֹם זַייט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל · זֵייא פַאנְגֶען זִיךְ אָן פוּן בַּארְג שֵׂעִיר · אוּנ עֶנְדִיגֶען זִיךְ בִּיז דֶעם יַם הַמֶּלַח · דָאס אִיז דִיא פָארְשְׁטֶעלוּנְג פוּן דֶעם מִדְבַּר יְהוּדָה !

אוֹיף יֶענֶע הוֹיכֶע בֶּערְג גִיפִינֶען זִיךְ רוֹיבֶּער · וֶועלְכֶעס לוֹיעָרְן דָארְטִין אוּם אוּנְשׁוּלְדִיגֶע בְּלוּט צוּא פֶערְגִיסֶען · אוּנ אִין דִיא קְלוּפְטֶען פוּן דִיא פֶערְזֶען אוֹיךְ אִין דִיא הֵיילֶען פַאר בָּארְגִין זִיךְ דִיא אוּנְשׁוּלְדִיגֶע עֶרְלִיכֶע לַייט פוּן דִיא בֵּייזֶע מֶענְשֶׁען · צוּא

דעם

דְ;ם ווִינְקֶעל פון דָרוּם אונ מִזְרָח זַייט · זֶעט מֶען וִויא אַיין יוּנְגֶער מֶענְשׁ קְלֶעטֶּערְט מִיט ד א רֶע ד אונ מִיט דִיא פִים אויף אַיין הויכֶען פֶעלְזֶען · אונ אַלְס עֶר גְרֵייכְט שׁוין נָאהֶעגְט פון דֶעם שְׁפִּיטְץ גְלִיצְט עֶר זִיךְ אוים אונ פַאלְט ווִידֶער צוּ דֶער עֶרְד · אָבֶּר אִין דֶעם זֶעלְבֶען אויגֶענְבְּלִיק בֶּעקוּמְט עֶר נַאייֶע קְרֶעפְּטִין אונ הָאט אַרויף גֶעקְלֶעטֶערְט אויף דֶעם הויכָען פֶעלְז , אונ הָאט זִיךְ גֶיזֶעצְט אויף אִים עֶטְוָואס אוים צוּא רוּהֶען , אונ עֶר הָאט גֶערִיכְטֶעט זַיינֶע אויגִין שְׁטֶענְדִיג אִין צָפוֹן זַייט , אוּם אַכְטוּנְג צוּ גֶעבֶּען , אויב אֵיינֶער זֶעהְט אִים אָן וואוּ הִין עֶר קְלֶעטֶערְט , אונ אַלְס עֶר הָאט גִיזֶעהֶען דָאס קֵיינֶער זֶעט אִים , אִיז עֶר בַּאלְד אַרַיין גִיגַאנְגֶן אִין אַיין קֶעלֶער פון אונְטֶער דֶער עֶרְד · זַיינֶע טְרִיט זַיינֶען אִים גִיוֶועזִין זֵייעֶר שְׁמָאל , ווַייל דִיא שְׁטֶענג אִיז גִיוֶועזִין פִינְסְטֶער אונ זֵייעֶר פִיל אַנְשְׁטוֹיסוּנְגֶען · אונ בַּאלְד ווִיא עֶר אִיז גִיקוּמֶען אִין דֶער הֵייל , הָאט עֶר בַּאמֶערְקְט פון אויבֶּען אֵיינֶע קְלֵיינֶע עֶפֶענוּנְג , הָאט עֶר אַרוֹים גִינוּמֶען אַיין צֶעטִיל פון זַיין טַאשׁ , אונ עֶר הָאט אָן אִים אַיין קְלֵיין שְׁטֵיינְדִיל אַיינְגֶעהִילְט אונ הָאט אִים אַרַיין גִיוָוארְפִין אִין דֶער קְלֵיינֶע עֶפֶענוּנְג , אונ הָאט גִיטְרָאפִין פוּנְקְטְלִיךְ דָארְטִין אַרַיין צוּ וַוארְפִין · אויף דֶעם צֶעטִיל אִיז גִישְׁטַאנֶען אויף גֶעשְׁרִיבֶּען דִיזֶע ווֶערְטֶער ; «יִצְחָק בֶּן בָּבָא זֶעהְנְט זִיךְ צוּ זֶעהֶן מִיט זַיינֶעם טַייעֶרִין לֶעהְרֶער שַׁמַאי» . —

גְלַייךְ אִיז פון דִיא שְׁפַּאלְטֶען פון דֶעם הויכָען פֶעלְזֶען אַרָאפּ גִילָאזִין גִיוָוארִין אַיין לֵייטֶער פון שְׁטְרִיק , דִיזֶער יוּנְגֶער מֶענְשׁ הָאט אויף אִים אַרויף גִיקְלֶעטֶערְט , אונ הֶערוּנְטֶער גֶעשְׁפְּרִינְגֶען אִין דֶער הֵייל , דֶער לֵייטֶער אִיז דֶער נָאךְ גְלַייךְ אַרויף גִינוּמֶען גִיוָוארִין , עֶר אִיז דָארְטִין גִינַאנְגֶן טַאפֶּינְדִיג ווִיא אַיין בְּלִינְדֶר וָואשׁ הָאט קֵיין פִירָר דִי גַאנְצֶע הֵייל אִיז גִיוֶועזִין טוֹיט שְׁטִיל אונ שְׁרֶעקְלִיךְ

פינסטער

פִינְסְטָר, אִין אַיינֶע שְׁמָאלֶע וֶעג צְוִוישֶׁען פֶעלְזֶען אִיז עֶר גִינַאנְגֶען בִּיז עֶר הָאט גִיגְרֵייכְט צוּ אַיינֶעם פְרַאכְטפָאלֶען אוּנ גֶערִימְטִין זַאל, דִי זוּן שַׁיינְט דָארְטִין אַ־יין זֵייעֶר הֶעל, אוּנ דָארְט הָאבִּין זִיךְ אוֹיךְ גִיפוּנֶען אַלֶע כֵּלִים אוּנ גִיפֶעס וָואשׁ עֶס פְאדֶערְט אמענשליכר וואוּנוּנג צוּא הָאבִּין ׳ דִיא וֶועג וָואשׁ דִיא שְׁטְרַאלִין פַאלִין אַהִין אַריין אִיז אַיינֶעם מֶענְטְשִׁין אוּנְמֶעגְלִיךְ צוּא זֶעהֶען ׳ צוּם עֶנְדֶע פוּן דֶער הֵייל זָעהְט מֶען נָאךְ אַנְדְרֶע צֶעלִין אוּנ גַאנְגֶע וֶועלְכֶע פִירֶען צוּא נָאךְ אַנְדֶרֶע סַאלָאנֶען ׳ אִין דֶעם לֶעצְטִין סַאלָאן אִיז גִיזֶעסִין אַיין אַלְטֶער מַאן אוֹיף אַיינֶעם בְּלָאהֶען טֶעפִּיךְ (דִיוַואן) אוֹיף זַיינֶע קְנִיא הָאט עֶר גִיהַאלְטִין אַיינֶעם דִיקִין אַפַּיינֶעם סֵפֶר וֶועלְכִין עֶר הָאט אִין אִים גִילֶערִינְט ׳ דִיזֶער מַאן אִיז הוֹיךְ גִיוַואקְסִין ׳ זַיין קֶערְפֶּער זָעהְט אוֹישׁ מָאגֶער ׳ זַיין בָּארְד אִיז לַאנְג אוּנ וַוייס וִויא שְׁנֵייא ׳ זַיינֶע לִיפִּין זַיינֶען רוֹיטֶע ׳ דִיא בֵּיינֶער פוּן זַיינֶע בַּאקִין שְׁטַארְצִין אַרוֹיס ׳ זַיין שְׁטֶערִין אִיז קְלָאר אוּנ גִיפַאלְבְּט ׳ אָבֶּער דָאשׁ גִישְׁטַאלְט פוּן זַיינֶע בַּאקִין זַיינֶען רוֹיט גִיפַארְבְּט ׳ אוּנ זַיינֶע אוֹיגִין זֶעהֶען אוֹיס וִויא דִיא אוֹיגִין פוּן טוֹיבִּין זֵייא זַיינֶען גִיפַאסְט אִין דֶער מָאס ׳ זַיינֶע בְּלִיקֶען גְלַאנְצִין וִויא שַׁארְפֶע פַיילִין ׳ אוּנ צַייגִין דָאשׁ גִידַאנְקֶען אָן אַצָאל רוֹישִׁין אִין זַיינֶעם טִיפִין הַארְצִין ׳ אוּנ וִויא אַיין וִויכְטִיגֶער הֶעלְד וַויים עֶר זִיךְ זֶעלְבְּסְט צוּא בֶּאהֶערְשִׁין ׳ עֶר לַיידֶעט נִיט שְׁמֵייכֶעלַרייא (חֲנִיפָה) ׳ אִין עֶר אַלַיין טוּט אוֹיךְ קֵיינֶעם צוּא לִיבּ ׳ אוּנ שַׁאנְט נִיט דֶעם רַייכִין ׳

אַלְס דֶער יִצְחָק בֶּן בָּבָא הָאט דֶער זֶעהֶען דִיזֶעם אַלְטִין מַאן׳ הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר דֶער שְׁרָאקִין אוּנ הָאט גִיוָוילְט צוּא רִיק ׳ אָבֶּער דֶער נָאךְ אִיז עֶר צוּא אִים צוּא גִינַאנְגֶען אוּנ הָאט זִיךְ פַאר אִים

גינייגט

גיניינט אונ געבוקט · אונ האט אים אן גינומען פאר זיין האנט אונ האט איר געקוסט ·

«וויא קומסט דוא אהער יונגער בן בבא ?» האט אים דער אלטער גיפרעגט · א ! עס טוט מיר זייער לייד וואש איך האב גיפונען דיך דעם שיין פון ישראל זיצין אין איינעם פינסטערין ארט· יעצט בייא דער צייט וואש דיך פארעדין דאש גאנצע פאלק פון יהודה · האסט דוא זיך גראַ"ע פון זייא פאר בארגין אונ דוא האסט דיך פאר שטעקט אונטער דיא היילען פון דער ערד · אונ איבער וועמען ? איבער דעם שרעק פון איין שטערבליכען מענטשין ! דוא ביסט דאך גאר איין רייגער מענטש · איין אונשולדיגער מאן ווארום ברוכסט דוא זיך צוא פאר שטעקין ?

«ווילסט דו דען בעסער דאש איך זאל שולדיג אנטלויפן ? האט אים שמאי גיענטפערט · א דוא נאר ! ווער האט עס דיר גיזאגט וואש בייא מיר איז אין הארצין · אונ וויא ווייסט דוא דאש איך בין ריין פון זינד · אונ האב קיין שולד ? דא אויף דיזע וועלט · ווערט איין מענטש אומזאנסט ניט באשטרפט · יעדער געניסט נאך זיינעם פאר דינסט · גאט גיבט יעדען וויא ער איז ווערט · זייא וויסין · דאש ווען גאט וועט דיר צמאל איין אינגליק באשערין · אונ דוא וועסט זיך אומזעהען אויף דיינע וועגין · אונ דוא וועסט אונטער זוכין דיינע האנדלונגען · דען מאל וועסט דו אליין זיין איבערצייגט דאש דו האסט פיל אונרעכט באגאנגען· אונ דרום האט דיר גאט דיזען אונ גליק באשערט · אונ האט פון דיר גירויבט דיינע רוהע · אונ האט דיך זאט גימאכט מיט ליידין אונ פיין · ווייל דוא האסט אפט גילייקינט זיין הויכע השגחה · אונ דוא האסט פאר געסין זיינע טובות וואש ער האט מיט דיר גיטאן · דען וויא איז מעגליך דאש אמענטש

זאל

זָאל גֶעגִין גָאט גִירֶעכְט זַיין · אונ עֶר זָאל גָאר אוּנְשוּלְדִיג בַּאשְׁטְרָאפְט וֶוערִין» ?

אָ , הֶער לֶעהְרֶער ! הָאט אוים גִירוּפִין בָּן בָּבָא · אַלְס אִיךְ זָעה דִיךְ אָן אִין אַזוֹ אַיין נִידֶערִיגֶע לַאגֶע · וִויא דוּא זִיצְסְט אִין אַיין הֵייל · פֶערְיָאגְט פוּן מֶענְטְשִׁין · לָאזְט מִיךְ מַיין הַארְץ זֶעלְכֶעס נִיט גְלוֹיבִּין ·

«דוּא בִּיסְט אַנַאר · הָאט שַׁמַאי גִיזָאגְט · מִיט דַיינֶע רֵייד זִינְדִיגְסְט דוּ צוּ גָאט · דָאס אִיז נִיכְט גְלוֹיבִּיג צוּ זָאגִין אוֹיף דֶעם רִיכְטֶער פוּן דֶער גַאנְצֶע וֶועלְט · עֶר זָאל זֶעלְבְּסְט קַיין רִיכְט אוּנ רֶעכְט הַאלְטִין · זַאיי וִויסִין דָאס אוֹיךְ דַיינֶע שְׁמֶערְצִין אוּנ לֵיידִין וֶועלְכֶע דוּא הָאסְט פוּן מִיר אוּנ פוּן מַיין עֶלִינְד · דָאס זֶעלְבְּסְט אִיז אוֹיךְ אַיין שְׁטְרָאף פוּן גָאט · אוּנ דָאס קוּמְט דִיר פַאר דַיינֶע זִינְדֶע · בֶּעטְרַאכְט נָאר דוּא יוּנְגֶער מֶענְשׁ · דִיזֶע פְרַאגֶע · וָוארוּם פֶער בָּרְגְט זִיךְ נִיט הִילֵל פוּן מֶענְשִׁין אַזוֹ וִויא אִיךְ ? פַאר וָואס זִיצְט עֶר זִיךְ רוּהִיג אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וִויא אַיין קֶענִיג צְווִישֶׁען זַיינֶע תַּלְמִידִים · אוּנ עֶר שְׁפִּילְט בַּייא דִיא יוּדֶען אַגְרוֹיסֶע רָאלֶע אוּנ עֶר לָאסְט גִיט אוֹיסְלֶעשִׁין דָאס לִיכְט פוּן דֶר תּוֹרָה אִין יִשְׂרָאֵל ? דוּא מוּסְט וִוישִׁין דָאס וַוייל עֶר אִיז רִיכְטִיג פְרוּם !

הִילֵל אִיז דְרִיבֶּער רוּהִיג · זָאגְט בָּן בָּבָא · וַוייל עֶר אִיז גוּט מִיט הוֹרְדוֹס דֶעם רָשָׁע , עֶר שְׁמֵייכִילְט אִים , אוּנ עֶר פַאלְט פַאר זַיינֶעם שְׁטָאלְץ ·

דוּ הָאסְט קַיין פֶערְשְׁטַאנְד , הָאט אִים שַׁמַאי גִיעֶנְטְפֶערְט , דָאס אִיז נָאר אִיבֶּער דֶעם וַוייל אִיךְ בִּין קַיין אוֹיפְגֶעהַאלְטֶענֶער מֶענְשׁ , אִיךְ בִּין פוּן מַיינֶער יוּגֶענְד אָן אַיין קָשֵׁה עֹרֶף , נָאר אוֹיף זַיין הָאר וֶוער אִיךְ אִין כַּעַס אוּנ בִּין שְׁטֶענְדִיג אוּנְרוּהִיג · אוּנ דְרוּם הָאבּ אִיךְ מִיר אוֹישׂ עֶר וֶועלְט דָא אַיינְזַאם צוּ זִיטְצִין · אוּנ

אִיךְ

איך וויל דאש קיין מענטש זאל מיך זעהן · דען פילייכט דא אין דיא קלופטין פון דיא פעלזין ווער איך גיפינען מיינע רוהע · אונ דאש איז · ווייל—איך האב אזו פיל גישארפט דיא גיזעץ פון גאט · וויא איינע שווערד (דאש הייסט איך בין גיוועזין איין מחמיר · אונ האב פיל חומרות אונ איסורים גילייגט אויף דעם פאלק) אלס דער וואש האט זיך אין זייא אן גירירט · האט זיך פערוואונדערט · דרום פעלין יעטצט פון מיר די גיזעטץ פון גאט · אונ האב יעטצט ניט מיט וועמן צוא לערנען ·

זארגט ניט רבי ! זאגט בן בבא · גידיינק נאר דיא פילע גוטעס וואס דוא האסט גיטאן !

יוא איך מוס מיך אפהאלטין פון מיין צארין · האט שמאי גיענטפערט · איך מוס צו מיין גייסט איין גרענעץ מאכין · אונד פילייכט דא אין דיזעס ארט וועט עס מיר איין גיין · אבער איך וועל אים ניט לאזין אויש לעשין אין גאנצן · ווייסע מיין קינד דאש הלל איז זייער גלאסען אונ איז אויך זייער איינפאך · אבער דאש איז יעטצט איין גרוישער פעלער · ווייל ער איז גיצוואונגען צוא זיטצין אין ירושלים אונ ער מוז שטענדיג אן זעהן מיט זיינע אויגן דעם הורדוס האדומי · ער מוז זיך פאר אים בוקין · ער זעהט פון אים אלע פארברעכין אונ ער מוז עס צוא שווייגין · אונ מאכין זיך אויף אלע זיינע זינד ניט זעהנדיג · ער צירנט ניט אויף אים · אונ ער האלט אים ניט פאר ווארום ער טוט עס · ווייא צוא אזו איין באקלעמטעס הארץ וויא זיינע · עס איז שוין פיר בעסר צו זיטצען רוהיג אונטער איין הייל אין דר ערד וויא איין פלעדר מויז · אונ ברויט מיט זאלץ צוא עסין · גענוייא וואשער צו טרינקען · אלס צוא ליידין טרויעריגקייט אונ זיפצען פון אזו איין פוקס · דאש זעלבסט איז אבער אויך פון דעם ליבין גאט , א , הלוואי וואלט

מע

מָען מִיךְ דֶענְמָאל גִיפָאלְגְט · הַלְוַאי וָואלְט דֶענְמָאל הִילֵל נִיכְט גִיפְרֵיידִיגְט אונְטֶער פִּיל לַייט דָאשׁ מָען מוז זִיךְ זָעהֶען אָפְּהָאלְטִין פון כַּעַס · הַלְוַאי וָואלְט מֶען עָס נִיכְט צוּא גִיהֶערְט · ווָארְט גְעווִיס נִיכְט אַרונְטֶער גִינוּמָען גִיוָוארִין דִיא קְרוֹין פוּן דִיא קֶענִיגֶע יְהוּדָה אונ גִילֵייגְט וָוערִין אויף דֶעם קָאפּ פוּן זֵייעֶר פַּיינְד הוֹרְדוס הָאֲדוֹמִי ·

דֶער צֵייל מִיר הֶער לֶערֶער וִויא דִי זַאךְ אִיז דֶענְמָאל צוּא גִיגַאנְגֶען הָאט אִים בָּן בָּבָא גִיבֶּעטִין ·

נָאךְ אַלְס זַיין פָּאטֶער אַנְטִיפְּטָר הָאט גִילֶעבְּט אִיז הוֹרְדוס גִישְׁטַאנֶען פַאר דֶעם גִירִיכְט · ווֶען אִיךְ דֵיינְק אַן יֶענֶעם טָאג וָוערִין אִין מִיר אַלֶע מַיינֶע גִידַאנְקֶען צוּא מִישְׁט · דִיא יִשְׂרָאֵל הָאבִּין גֶעגִין זִיךְ אַליין גִישׁוּלְדִיגְט · הֶער נָאר גוּט צוּא · אִיךְ ווָעל דִיר דֶער צֵיילִין ווִיא עָס אִיז גִיוֶועזִין · דֶער אַנְטִיפְּטָר הָאֲדוֹמִי אִיז גִיוֶועזִין אַלְס גוּטֶער פְרַיינְד מִיט דֶעם כֹּהֵן גָדוֹל הוֹרְקְנוּס הַמֶלֶךְ · עֶר הָאט גִיוואוּסְט ווִיא צוּא פַאר בָּארְגִין זַיין שִׂנְאָה וָואשׁ הָאט אויף אִים אִין הַארְצִין גִיטְרָאגִין · זַיין אַבְּזִיכְט אִיז גִיוֶועזִין אִיבֶּער צוּא גֶעבִּין דִיא רֶעגִירוּנְג פוּן יְהוּדָה צוּא זַיינֶע קִינְדֶער · מִיט זַיין לִיסְט (רַמָאוּת) הָאט עֶר אוישׁ גֶעווִירְקְט דָאשׁ מֶען הָאט גִיזֶעצְט זַיין זוּן הוֹרְדוס אַלְס קוּנְזִיר אִין דֶעם לַאנְד גָלִיל · אוּנ אַלְס עֶר אִיז דָארְטִין גִיזֶעסִין · הָאט עֶר גִילָאזִין אוּמְבְּרֵיינְגֶען דֶעם גְרוֹיסִין הֶעלְד חִזְקִיָהוּ · דֶער וֶועלְכֶער הָאט אִימֶער גִישְׁטְרִיטִין פַאר גָאט אוּנ פַאר דִיא ווַארְהַייט · דִיזֶען מַאן הָאט עֶר אוּם גִיבְּרַאכְט נָאךְ אֵיידֶער עֶר הָאט אִים צוּם גֶערִיכְט גִישְׁטֶעלְט · אויךְ דִיא פְרַיינְד פוּן דֶעם חִזְקִיָהוּ הָאט עֶר וִויא דִיא שֶׁעפְּסִין צוּם שְׁלַאכְט גִיפִירְט · אוּנ ווָארוּם הָאט עֶר עָס גִיטָאן · ווַייל עֶר הָאט מִיט דִיא חַשְׁמוֹנָאִים צוּא גְלַייךְ מִיט זֵייעֶרֶע פְרַיינְד גִישְׁטְרִיטִין · אוּנ הָאט אֱדוֹם אוּנ

מוֹאָב צוּם טוֹיט גִישְׁלָאגִין · דִיא פְּרוּוִיעֶן פוּן דִיא הֲרוּגִים (הִזְקִיָּהוּ אוּנ זַיינֶע פְרַיינְד) הָאבִּין זִיךְ אָן גִיקְלֵייֶדעט אִין טְרוֹיעָר · אוּנ זַיינֶען גִינַאנְגֶען אִין בֵּית הַמִקְדָּשׁ ווֵיינֶען · מִיט זֵייעֶרֶע טְרֶערִין הָאבִּין זֵייא בֶּעפֵייכְטֶעט דֶעם מִזְבֵּחַ פוּן גָאט · זֵייא הָאבִּין פוּן קֵינִיג אוּנ פוּן סַאנְאַט פַאר לַאנְגְט · זֵייא זָאלִין בַּאפֶעלִין אוֹיף דֶעם הוֹרְדוּס · דָאשׁ עֶר זָאל קוּמֶען זִיךְ שְׁטֶעלִין צוּם גֶערִיכְט פַאר דִי סַנְהֶדְרִין · אוּנ זֵייא זָאלִין אִים רִיכְטִן אִיבֶּער דָאשׁ ווָאשׁ עֶר הָאט רֵיינֶע אוּנְשׁוּלְדִיגֶע בְּלוּט פַאר גָאסִין · אוֹיךְ דִיא זְקֵנִים זַיינֶען גִיקוּמֶען פַר דֶעם קֶענִיג אוּנ הָאבִּין אִים גִיזָאגְט דָאשׁ זַיינֶע אוֹיגִין זַיינֶען בְּלִינְד · אוּנ זֶעהְט נִיט דָאשׁ אוּנְגְלִיק ווָאשׁ שְׁוֶועבְּט גֶעגִין אִים · ווַייל דֶר אַנְטִיפַּטֶר מִיט זַיינֶע זִין הַאנְדְלֶען זֵייעֶר ווִילְד אוּנ אוּנְרֶערְכְט · אוּנ קֵיינֶר ווֶערְט אִים דֶער פוּן · ווִיא אַיין רַייבֶּער הָאט עֶר זִיךְ צוּא גֶעאֵיינִיגְט דָאשׁ גַאנְצֶע לַאנְד יְהוּדָה · עֶר טוּט אִין אִיר ווִיא עֶר ווִיל אוּנ נָאךְ ווֵיינִיג צַייט · ווֶעט עֶר זִיךְ אוֹיךְ ווַאגִין צוּ פֶערְלַאנְגֶען דִיא קְרוֹין פוּן קֶענִיג ווַייל עֶר מִיט זַיינֶע זִין זַיינֶען אַלֶע אוֹיסִין נָאךְ עֶהְרֶע אוּנ רֶעגִירוּנְג . — דֶער קֶענִיג הָאט רֶעכְט פַאר שְׁטַאנֶען דָאשׁ דָאשׁ אוּנְגְלִיק שְׁטֵייט גֶעגִין זַיין גֶעזִיכְט · הָאט עֶר זִיךְ שׁוִין נִיט מֶער גִיקֶענְט אוֹיף הַאלְטִין · אוּנ עֶר הָאט בֶּעפֶעלִין אוֹיף דֶעם הוֹרְדוּס דָאשׁ עֶר זָאל זִיךְ שְׁטֶעלִין צוּם גֶערִיכְט פַאר דִי סַנְהֶדְרִין · אַלְס דֶער הוֹרְדוּס הָאט גִיזֶעהֶען דָאשׁ מִיט אִים הַאלְט נִיט גוּט · הָאט עֶר צוּם עֶרְשְׁטִין זַאמִילְט צוּא זִיךְ אַגַאנְצֶע אַרְמֵייא הִיל דָאשׁ זֵייא זָאלִין מִיט אִים גֵייעֶן נָאךְ יְרוּשָׁלַיִם · אוּנ אִים פוּן אוּנְגְלִיק צוּא פֶערְהִיטִין · דָאשׁ צְווֵייטֶע · הָאט עֶר גִישִׁיקְט אַבְּרִיף צוּא דֶעם פִירְסְט פוּן רוּם ווֶעלְכֶער אִיז גִיזֶעסִין אִין אֲרַם · מִיט דִיא ווֶערְטֶער · ווִיא אִיךְ הָאבּ רַאבֶּע (נְקָמָה) גִינוּמֶען פוּן דֶעם פַיינְד פוּן רוּם · אוּנ הָאבּ גִילָאזִין דֶעם חִזְקִיָּהוּ אוּם בְּרֵיינְגֶען נָאךְ אֵיידֶער

אִיךְ הָאבּ זַיין רֶעכְט פָֿארְגִיבְּרַאכְט פַֿאר דִיא סַנְהֶדְרִין · וַוייל אִיךְ הָאבּ גוּט גִיוואוּסְט · וֶוען זַייא הָאבִּין אִים גֶערִיכְטֶעט נָאךְ דִיא יוּדִישֶׁע גִיזֶעטְץ · דַאן וָואלְט אִים קֵיין טוֹיט קוֹמֶען וַוייל עֶר אִיז דֶער פַֿיינְט פוּן דִיא רוֹמֶער · אוּנ יֶעטְצְט אָבֶּער הָאט אוֹיף מִיר דֶער קֶענִיג זַייעֶר שְׁטְרֶענְג בַּאפֶֿעלִין דָאשׁ אִיךְ זָאל מִיךְ שְׁטֶעלִין פַֿאר זַיינֶע רִיכְטֶער צוּם גֶערִיכְט ׳ אַזוֹ הָאט בַּאלְד דֶער פִֿירְסְט פוּן רוּם גֶעשְׁרִיבִּין אַיין בְּרִיף צוּא דֶעם קֶענִיג הוּרְקָנוּס מִיט דִיא וֶוערְטֶער : זַייא פָֿארְזִיכְטִיג · אוּנ דוּא זָאלְסְט נִיט אָן רִירִין אָן דֶעם הוּרְדוּס דֶער זוּן פוּן אַנְטִיפְּטָר אוֹיף אַיין הָאר · וַוייל זַיין בְּלוּט וֶועל אִיךְ פוּן דִיר פָֿאדֶערִין · דִיזֶע רֵייד הָאבִּן דֶעם קֶענִיג הוּרְקָנוּס גֶעשְׁטָאכִין אִין הַארְצִין עֶר הָאט זִיךְ פַֿאר דֶעם רוֹמֶשִׁין פִֿירְסְטֶען זֵייעֶר גֶעשְׁרָאקִין · אוּנ אַלְס דֶער הוּרְדוּס אִיז גִיקוּמֶען צוּא שְׁטֶעלִין זִיךְ פַֿאר דִיא סַנְהֶדְרִין · הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר שֵׁיין אָן גִיקְלֵיידֶעט אִין זֵייעֶר פְּרַאכְטִיגֶע פּוּרְפּוּרְנֶע קְלֵיידֶער · זַיין לַייבּ וַואכֶע זַיינֶען אַרוּם אִים גִישְׁטַאנֶען זְוִיא אַרוּם אַיין גְרוֹיסִין קֶענִיג זֵייא הָאבִּין אוֹיף אִים גִיוַואכְט דָאשׁ אִים זָאל קֵיין אוּנְגְלִיק גִישֶׁעהֶען · אוּנ דֶר קֶענִיג הוּרְקָנוּס אִיז דֶען מָאל גִיוֶועזִין דֶער פְּרֶעזֶערֶענְט פוּן דִיא סַנְהֶדְרִין · אַלֶע אֵיידִיל לַייט פוּן יְהוּדָה דִיא אַרִיסְטַאקְרַאטִישֶׁע קִינְדֶער הָאבִּין זִיךְ פַֿאר זַאמִילְט אִין לִשְׁכַּת הַגָּזִית אוּנ אִין דֶער פָֿארְהַאלֶע פוּן הֵיכָל · וֵוייא גֶעשְׁרִיהֶען צוּא יֶענֶעם טָאג וֶוען זֵייא וָואלְטִין דֶענְמָאל דֶעם הוּרְדוּס הָאֲדוֹמִי בֶּעשׁוּלְדִיגֶען · דַאן וָואלְט עֶר אֵיין מָאל פַֿאלִין אוּנ נִיט מֶער אוֹיף שְׁטֵיין · אוּנ דֶער קֶענִיג פוּן דִיא הַשְׁמוֹנָאִים וָואלְט רֶעגִירֶען גָאר אָן הִינְדֶערְנִיסֶע · אָבֶּער זֵייא הָאבִּין פוּן אָנְפַאנְג אָן · דִיא עֶנְדֶע דֶער זַאכֶע נִיט בַּאטְרַאכְט · אוּנ זֵייא הָאבִּין גִילָאזִין אֵיינֶעם אַנְדֶערִין מֶענְטְשִׁין רֵייטִין אוֹיף זֵייעֶר קָאפּ · דַאן הָאבִּין דִיא סַנְהֶדְרִין זֵייעֶר עֶהְרֶע פֶֿערְלָארִין · אוּנ

זייער

זייער בְלוּט גילָאזִין צוּא דֶער עֶרְדֶע רִינֶען · וויא הוֹרְדוֹס הָאט צוּא גיטְרָאכְטֵין פַאר דֶעם גֶערִיכְט · הָאט עֶר נִיט גִיוואַרְט בִּיז דֶער פְּרֶעזִידֶענְט וֶועט אִים פְרֶעגִין וָואש מִיט אִים אִיז דֶער מֶער · נָאר עֶר הָאט צוּא פָאר אָנְגִיפַאנְגֶען צוּא רֵיידִין אוּנ הָאט גִיזָאגְט : אִיר הָאט דָאךְ מִיךְ אַהֶער גִירוּפִין · נוּא אִיךְ בִּין דָא ! זָאגְט צוּא וָואס בְּרוֹיכְט אִיר מִיךְ ? אַלֶע זַיינֶען גִיבְּלִיבִּין שְׁטוּם שְׁווַייגֶענְד · צוּא אוּנְזֶערֶע שַׁאנְד אוּנ לֵיידִין · הָאט אִים נָאךְ קֵיינֶער אֵווָארְט נִיט גִיעֶנְטְפֶערְט · ווַייל זֵייא הָאבִּין זִיךְ עֶרְשְׁרָאקִין אוּנ זַיינֶען בֵּייא זִיךְ גִיפַאלִין פַאר זַיין שְׁטָאלְץ · אוֹיךְ דֶער קֶענִיג זֶעלְבְּסְט · אוּנ הִילֵל וָואשׁ עֶר וַואר דֶענְמָאל אַיין רֹאשׁ בֵּית דִין · בֵּיידֶע צוּא זַאמֶען הָאבִּין צוּא גִישְׁלָאסִין זֵייעֶרֶע מַיילֶער אוּנ הָאבִּין אִים גָאר נִיט גִיעֶנְטְפֶערְט · זֵייעֶר שְׁווַייגִין הָאט אִין מַיין הַארְצִין גִיבְּרֶענְט וִויא אַיין פַייעֶר · דָאשׁ אִיךְ הָאבּ זִיךְ שׁוֹין נִיט מֶער גִיקֶענְט אוֹיף הַאלְטִין אוּנ אִיךְ הָאבּ אוֹישׁ גִישְׁרִיעֶן · אֶ · וִויא אוּמְגְלִיקְלִיךְ · אוּמְגְלִיקְלִיךְ אִיז דֶער קֶענִיג פוּן יְהוּדָה ! זַיינֶע מִינִיסְטָארִין זַיינֶען אַזוֹ וִויא דִיא קֶעלְבֶּער · וואוּ אִיז זֶעלְבֶּעס גִיהֶערְט גִיוָוארִין דָאשׁ אֵיינֶער זָאל פָארְטְרֶעטִין פָאר דֶעם גֶערִיכְט מִיט שְׁטָאלְץ אוּנ הָאכְמוּט ? בֶּעדֵיינְקְט נָאר אַייךְ אוּנ אִיבֶּער לֵייגְט · דָאשׁ דִיזֶער הוֹרְדוֹס הָאט גֶעזִינְדִיגְט גֶענִין דֶער יִידִישֶׁע רֶעלִיגְיָאן · מִיט זַיינֶעם בֶּעפֶעהְל הָאט אוּמְגִיבְּרַאכְט פִיל טַייעֶרֶע אוּנ גְרוֹיסֶע לַייט נָאךְ אֵיידֶער עֶר הָאט זֵייא צוּם גֶערִיכְט גִיבְּרַאכְט דָאשׁ פָאלְק בֶּעקְלָאגִין זִיךְ אוֹיף אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק · דֶען עֶר הָאט זֵייעֶר פִיל פֶּערְווִיסְטוּנְגֶען גִימַאכְט אִין דֶעם לַאנְד יְהוּדָה · עֶר מָארְדֶעט · עֶר רוֹיבְּט אוּנ פְּלִינְדֶערְט אוּנ עֶס אִיז נִיט דָא וֶוער זָאל פוּן אִים מַצִיל זַיין · אוּנְטֶער יְהוּדָה אִיז עֶס אַיין גֶעוַואלְט וָועלְבֶעס עֶס אִיז נִיט גִיהֶערְט גִיוָוארִין · אַיין מֶענְטְשׁ זָאל קוּמֶען זִיךְ שְׁטֶעלִין פָאר דֶעם גֶערִיכְט אִין קֶענִיגְלִיכֶען

טראכט

טְרַאכְט (אוּבְיָאר) ? אִין גֶעקְרוֹיזֶעלְטֶע הָאר ? אַרוּם אִים זָאלִין שְׁטֵיין
יֵינֶע מִילִיטֶער ? גוּן וָוען מִיר וָועלִין אִים בֶּעשׁוּלְדִיגִין וָועט עֶר פוּן
אוּנְז מַאכִין פְּלֵטָה · אוּנ זֵיינֶע מִילִיטֶער וָועלִין אִים שִׁיצִין · דַאן
וָועט עֶר מִיט דֶער צַייט פוּן אוּנְז רַאכֶע (נְקָמָה) נֶעמֶען · אִיר קֶענִיג
אוּנ סֶענַאט · אִיר מוּסְט עֶס קְלָאר וִויסִין ! אִיר בֶּעדַארְפְט אַייךְ
שֶׁעמֶען · וִויא קֶענְט אִיר עֶס טְרָאגִין לֵיידִין אוּנ דוּלְדֶען דִיא שַׁאנְד
פוּן דִיזֶען אֲדוֹמִי ? זַייט וִויסֶען · אוֹיבּ אִיר וָועט אִים גִירֶעכְט מַאכִין
וָועט עֶר אַייךְ מִיט דֶער צַייט זֵייעֶר פִיל לֵיידִין אוּנ פַּיין אָנְטָאן ·
עֶר וָועט לָאזִין מָארְדִין אַייעֶרֶע קִינְדֶער · אַייעֶר קֶענִיג וָועט עֶר
לָאזִין פִירִין אִין דֶער גִיפַאנְגֶענְשַׁאפְט · אִיבֶּער אַייגֶעם אַלְטִין וָועט
עֶר קַיין מִיטְלֵייד (רַחֲמָנוּת) הָאבִּין · אַיין יוּנְגֶען וָועט עֶר נִיט שָׁאנֶען
אוּנ אִיר בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג אוּנְגְלִיקְלִיךְ !

דִיא רִיכְטֶער הָאבִּין אָנְגִיפַאנְגֶען דֶעם גֶערִיכְט צוּא אוּנְטֶער
זוּכִין · אוּנ עֵדִים הָאבִּין אוֹיף אִים גֶעצַייגְט דַאשׁ זַיין שׁוּלְד אִיז
גְרוֹיס · אוּנ אַלְס דֶער הוֹרְדוֹס הָאט גִיזֶעהֶען דָאשׁ עֶס אִיז
בֶּעשְׁלָאסִין אִים צוּא פַאר אוּרְטְהֵיילִין צוּם טוֹיט · אִיז עֶר בַּייא
זִיךְ זֵייעֶר גִיפַאלִין · אוּנ זַיין הַארְץ הָאט אִין אִים וִויא וַואסֶער צוּ
רוּנֶען · דַאן הָאט זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבִּין דֶער קֶענִיג הוּרְקָנוּס פוּן זַיין
שְׁטוּהל · אוּנ הָאט אוֹיס גֶערוּפִין : לָאזְט אִים אָפּ בִּיז מָארְגִין אִין
דֶער פְרִיא אוּנ דַאן וָועלִין מִיר אִים זַיין פְּסַק דִין אוֹישׁ זָאגִין · אִיךְ
אָבֶּער הָאבּ גוּט פַאר שְׁטַאנֶען צוּא וָואשׁ דִיא רֵייד פוּן דֶעם
קֶענִיג צִילֶען זִיךְ · אִיךְ הָאבּ גִיהַיילְט צוּא שְׁטֶערִין זֵיינֶע רֵייד ·
מִיט דֶעם וָואשׁ אִיךְ הָאבּ צוּא זֵייא גִיזָאגְט · אִיר הָאט דָאךְ
אַיין מָאל בֶּעשְׁלָאסִין זַיין פַאר אוּרְטְהֵיילוּנְג · אוּנ וָוארוּם זָאלְט אִיר
זִיךְ פַאר אִים שְׁרֶעקִין ? אוֹיבּ אִיר וֶועט זַיין מִשְׁפָּט אָפּ לֵייגִין
וָועט עֶר זִיךְ דֶער וַוייל פַאר בָּארְגִין אוּנ וָועט פוּן אַייךְ גָאר

אנטלויפין

אַנְטְלויפִין · וָרוּם אִיז מַיין רַאטְה · דָאשׁ עס אִיז פִיל בֶּעסֶער אִים אִין דִיא אויגִין אוּנְשׁוּלְדִיג צוּא מַאכִין · אויבּ אִיר שְׁרֶעקְט זִיךְ פַאר זַיינֶעם שְׁטָאלְץ · דֶען אויבּ עֶר וֶועט זִיךְ פַאר בָּארְגִין אוּנ וֶועט פוּן אַייךְ אַנְטְלויפִין · וֶועט עֶר אַייךְ בְּלַייבִּין אַיין אֵייבִּיגֶער פַיינְד · אוּנ וֶוען עֶס וֶועט אִים נָאר צוּא הַאנְד קוּמֶען וֶועט עֶר פוּן אַייךְ גֶעווִיס רַאכֶע נֶעמֶען ·

הָאט הִילֵל גִיעֶנְטְפֶערְט אוּנ הָאט גִיזָאגְט · דִיא רֶעכְט זָאגְט דָאךְ אוּנְז דָאשׁ מִיר מוּזִין זוּכִין אויף אִים אַיין זְכוּת · דְרוּם זָאלִין מִיר אִים וַוארְטֶען בִּיז מָארְגִין · פִילֵייכְט וֶועט זִיךְ גִיפִינֶען פַאר אִיהְם אַיין מֵלִיץ יוֹשֶׁר · פַאר וָואס זָאלִין מִיר קֶערְן וַוייטְלֵייפִיגֶע זַאכֶען · פִילֵייכְט וֶועט עֶר אַנְטְלויפֶען · עֶר וֶועט אַנְטְלויפֶען ? דִיא זְקֵנִים אַלֶע הָאבֶּען אִים גִירֶעכְט גִינֶעבֶען · נָאר אִיךְ בִּין מִיר גִיבְּלִיבִּין אַלֵיין · פוּן אַלֶעמֶען אויסְגֶעשְׁלָאסֶען · וַוייל זַייא הָאבִּין מַיין רַאטְה נִיט אָנְגִינוּמֶען · אִין יֶענֶע נַאכְט אִיז הוֹרְדוֹס פֶערְשְׁווּאוּנְדֶען גִיוָוארִין · אוּנ מֶען הָאט אִים גִיט גִיפוּנֶען · אָבֶּער וָואס קוּמְט אַרוֹיס · זַייא זַיינֶען אוּמְגְלִיקְלִיךְ גִיוָוארִין · עֶר הָאט זַייא עֶנְדְלִיךְ אַלֶעמֶען פַאר זַאמִילְט וִויא דִיא נַארְבֶּען אִין שַׁייעֶר · אוּנ הָאט זַייא אַלֶע אוּמְגִיקוּילֶעט · עֶס אִיז נָאךְ פוּן זַייא אֵיינֶער נִיט גִיבְּלִיבִּין · גָאר אִיךְ אוּנ הִילֵל מִיר צְווֵייא זַיינֶען פוּן דִיא גַאנְצֶע גֶעמֵיינְדֶע לֶעבִּין גִיבְּלִיבִּין · אִיךְ הָאבּ מִיר מַיין וואוּנְג דָא אִין דֶער הֵייל פוּן דִיא פֶעלְזֶען פֶערְזֶעצְט · דָא אִיז שַׁמַאי אויף אֵיינִיגֶע מִינוּטִין שְׁטִיל גִיבְּלִיבִּין · דֶר נָאךְ הָאט עֶר מִיט זִיפְצֶען אויס גִישְׁרִיעֶן אָ · לִיבֶּער יִצְחָק ! פִיל לֵיידֶען אוּנ אוּנְגְלִיק אִיז אִיבֶּער אוּנְז גִיקוּמֶען מִיר הָאבִּין פַאר לָארִין אוּנְזֶער עֶהְרֶע וֶועלְכֶע מִיר הָאבִּין זִיךְ מִיט אוּנְזֶער בְּלוּט גִיקויפְט אִין יֶעדֶער מִלְחָמָה ! אוּנ אִיבֶּער וֶועמֶען ? אִיבֶּער וָואס ? וַוייל פוּן דֶעם הויז פוּן דִיא

חשמונאים

שמונאים האט ארויס גיטראטין דער עמיגראנט (אנטלאפענער)
ועלכער האט זיינע אייגענע ברידער ערשלאגען · א · עס האבין
יך גיפעהלט דיא גרויסע העלדען פון ישראל · זייא פעלין שוין
ון אונז | דר ליבער גאט האט אונז שוין שטיל אונ רוהיג גימאכט |

איז דען אריסטובול דער קעניג פון דיא חשמונאים ניט
ין אנטיפטרס האנט גישטארבען דורך דעם וואס ער האט אים
ערגיפטעט ? אונ דער אלכסנדר זיין עלטערער זון ליגט ניט
ורך אים אין דער ערד באגראבין ? דער גרויסער העלד מיליכוס
איז ניט פון הורדוס שווערד ערמארדעט גיווארין ? נאך דעם אלס
ער האט דיא אלע אום גיבראכט · האט ער אפ גיקויפט דיא קרוין
פון דיא קעניגע יהודה · בייא דעם סענאט פון רום · דאמאלס איז
ער אנגיקומען אין ירושלים מיט איינע גרויסע ארמייע פון רומישע
מיליטער · אונ מיט זאלדאטען פון ארם אונ ער האט דיא שטאט
ירושלים בעזיגט · אונ נאך האט זיין צארן ניכט גישטילט ביז ער
האט דעם קיניג אנטיגנוס אויך גילאזין אומברייגען · אונ אין דר
זעלבע צייט וואס זיינע הענט זיינען גיוועזין פאר שמוצט אין אום
שולדיגע בלוט · אין דער צייט וואס ער האט גימארדעט דעם
אנקעל (פעטער) אונ האט פון זיין קאפף דיא קרוין גירויבט · אין
יענע צייט האט ער גיצוואונגען דיא מרים דיא טאכטער פון דעם
אלכסנדר וועלכען ער האט ערמארדעט · איין מעדכען פון
זעכצען יאר · אונ דיא פרינצעסין וואס זיא שטאמט פון כהנים
גדולים איז גיוועזין גיצוואונגען צו זיין אווייב צו דעם ארומי דער
בלוטיגער מאן — אונ גלייך וויא ער האט זיך גיזעצט אויף דעם
טראן · האט ער אלע גרעסטע לייט פון יהודה ארעטירט אונ אין
קייטען גישמיט · אונ דיא האכפירסטען אין דער פאמיליע פון

דיא

דִיא חַשְׁמוֹנָאִים ׃ הָאט עֶר אַלֶע מִיט אֵיין מָאל אויסגִישְׁלַאכְטָעט ׃ פוּן דֶעם נַאנְצֶען פַאמִילְיֶענְגַארְטִין פוּן דִיא חַשְׁמוֹנָאִים ׃ זַיינֶען מֶער נִיט גִיבְּלִיבִּין אַלֶס דִיא צְוֵייא אֵיינְצִיגֶע בּוּיסֶער ׃ מִרְיָם אוּנ אִיר מוּטֶער אַלֶכְּסַנְדְרִי ׃

אוּנ דֶער קֶינִיג הוּרְקְנוּס ׃ וֶועלְכֶער הָאט אוּנְז גִיבְּרַאכְט צוּ דֶעם אוּנְגְלִיק ׃ עֶר מוּז אִיצְטֶער לַיידִין עִנוּיִים קָשִׁים וּמָרִים אִין דֶעם קֶערְקֶער (מוּדְמֶע) וָואס הוּרְדוּס הָאט אִים אִין דֶער שְׁטָאט פַּרְתּוֹן פַאר שְׁפַּארְט ׃ אַלֶס עֶר הָאט אִים פְרִיעֶר אָפּ גִישְׁנִיטִין זַיינֶע בֵּיידֶע אוֹיעֶרִין בִּכְדֵי צוּא פַּסְלֶען אִים פוּן דֶער עֲבוֹדָה ׃ עֶס אִיז נָאךְ אֵיין גְלִיק וָואס אַרִיסְטוֹבּוּל דֶער בְּרוּדֶער פוּן מִרְיָם אִיז לֶעבִּין גִיבְּלִיבִּין ׃

אָבֶּער זָאג דָאךְ מִיר בֶּן בָּבָא ׃ וִויא קוּמְסְט דוּא אַהֶער ? אִיךְ גְלוּיבּ נִיט דָאס וַוייל דוּא ווִילְסְט מִיךְ זֶעהֶען הָאסְטוּ דַיין לֶעבִּין אִין גִיפַאר גִישְׁטֶעלְט אוּנ דוּא בִּיכְט גַנַאנְגֶען אִין אַזֶעלְכֶע פִינְצְטֶערֶע הֵיילִין דָא וואוּ קַיין פוּס פוּן אַמֶענְטְשִׁין קוּמְט נִיט אִיךְ וֵויים גוּט דָאשׁ דוּא לִיבְּסְט אוּנ שֶׁעצְט מִיךְ ׃ אָבֶּער נִיט פוּן דֶעסְט וֶועגִין בִּיסְטוּ צוּא מִיר גִיקִימֶען ׃ דְרוּם בֶּעט אִיךְ דִיךְ דָאשׁ דוּא זָאלְסְט מִיר זָאגִין דִי סִבָּה וָואשׁ זִיא הָאט דִיךְ גִיצְוואוּנְגֶען מִיךְ יֶעצְט צוּא בֶּעזוּכֶען ? —

יַא רַבִּי ׃ דָאשׁ אִיז וַואר ; מַיין לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִיר אִיז אוּנ בֶּעגְרֶענְצְט ׃ אִיךְ וָואלְט לוֹיפִין בֶּערְג אוּנ טָהאלֶען אִין פֶעלְזִין אוּנ הַיילִין אוּם זִיךְ מִיט דִיר צוּא זֶעהֶען ׃ אָבֶּער דָאךְ נִיט פוּן דֶעסְט וֶועגִין הָאבּ אִיךְ דִיזֶעס מָאל גֶעהַיילְט קוּמֶען צוּ דִיר ׃ עֶס אִיז רִיכְטִיג ׃ אָבֶּער אַיין גְרוֹיסֶער אוּנְגְלִיק הָאט אוּנְז גִיטְרָאפֶען ; אוּנ אִיךְ בִּין גֶעשִׁיקְט עֶס דִיר צוּא מֶעלְדֶען ׃

זָאג מִיר דָאשׁ אוּנְגְלִיק וָואשׁ אַייךְ הָאט גִישֶׁעהֶען ׃ הָאט

שמאי

שַׁמַאי אוים גֶעשְׁרִיהֶען · דוא מֶעגְסְט מִיר זָאגִין · עס וֶועט מִיר נָאר נִיט שַׁאטִין · מַיין הַארְץ איז אַייזִין שְׁטַארְק אִיךְ וֶועל קֶענֶען אוים הַאלְטִין · אִיךְ ווייס דָאשׁ דִיא פַּיילִין הָאבִּין נָאךְ נִיט אויף גִיהֶערְט צוּא פַּאלֶען אויף דֶער שְׁטָאט פוּן דָוִד !

«אויךְ דָער יוּנְגֶער אַרִיסְטוֹבּוּל · דֶער בְּרוּדֶער פוּן מִרְיָם · דֶער גְרוֹיסֶער הֶעלְד · עֶר איז שׁוֹין אויךְ נִיט מֶער דָא · הָאט בָּן בָּבָא גִיזָאגְט מִיט צִיטֶערִין · עֶר לֶעבְּט שׁוֹין נִיט מֶער ! »—

דֶעם אַלְטֶען הָאט גִיהוֹיבִּין פוּן אֶרְט · עֶר אִיז גִיבְּלִיבִּן שְׁטוּם וִויא אַיין שְׁטֵיין · זַיינֶע הֶענְט הָאט עֶר אוישׁ גִישְׁפְּרֵייט צוּם הִימִיל · אַרִיסְטוֹבּוּל ! הָאט עֶר אוישׁ גִישְׁרִיהֶען מִיט עֶרְשְׁטוֹינֶען · אוּנ בַּאלְד הָאבִּין זַיינֶע הֶענְט גֶעזוּנְקֶען · אוּנ עֶר אִיז אויף דִיא דִילִין אַהִינְטֶער גִיפַאלִין ; אִין אֵיינִיגֶע מִינוּטִין אִיז דֶער שַׁמַאי ווִידֶער צוּא זִיךְ גִיקוּמֶען · עֶר הָאט גֶעשְׁטִיצְט זַיין קָאפּ אויף זַיינֶע לִינְקֶע הַאנְט אוּנ הָאט צוּא אִים גִיזָאגְט : דֶערְצֵייל דָאךְ מִיר יִצְחָק וִויא דִיא זַאךְ הָאט גִישֶׁעהֶען ? «ווֵייסְט דוּ נִיט רָבִּי · דָאשׁ אִין דֶער צַייט ווֶען הוֹרְדוּס הָאט בֶּעשְׁטֶיגִין דֶעם טְהָרָאן · הָאט עֶר אויף גִיזֶעצְט דִיא קְרוֹין פוּן דֶער כְּהוּנָה גְדוֹלָה אויף דֶעם קָאפּ פוּן חֲנַנְאֵל הַכֹּהֵן · דֶער מַאן אִיז נִיט לַאנְג אויף גִיגַאנְגֶען פוּן בָּבֶל · אוּנ עֶר זֶעהְט אוים צוּא אוּנְז וִויא אַפְרֶעמְדֶער · ווַייל זַיין הַארְץ אוּנ זֶעלֶע זַיינֶען פַאר קוֹיפְט צוּ הוֹרְדוּס דֶעם אֲדוֹמִי · דִיא קְלָאג פוּן דִיא כֹּהֲנִים אִיז זֵייעֶר גְרוֹים · אוּנ דָאס גַאנְצֶע פָאלְק יִשְׂרָאֵל · הָאבִּין אויף דִיא זַאךְ אויךְ גְרוֹים פֶּערְדְרוּס · אָבֶּער וָואס קֶענֶען זֵייא הֶעלְפֶען · דִיא כֹּהֲנִים הָאבִּין אֲפִילוּ אֵיין הַאנְט גִישְׁלָאסֶען דָאס זֵייא זָאלִין בַּייא דֶער עֲבוֹדָה פוּן דֶעם כֹּהֵן גָדוֹל אִים נִיט הֶעלְפִין · אָבֶּער ווֶען זֵייא ווֶעלִין אֲפִילוּ אוישְׁפִירֶען · וָואס ווֶעלִין זֵייא מִיט דֶעם בֶּעצְוֶועקִין ? דִיא הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה וֶועט אויף

הערין

הֶערִין אִין יְרוּשָׁלַיִם · אוּנ דָאס וֶוייל דָאךְ הוֹרְדוּס אוֹיךְ · אוּנ עֶר נֶועט טָאן וָואס עֶר ווֶיל · — אֵיין מָאל הָאט זִיךְ גִיוַואגְט אַלֶכְּסַנְדְרָה דִיא מוּטֶער פוּן מִרְיָם · זִיא אִיז צוּ גִיטְרָאטִין צוּם קֶינִיג הוֹרְדוּס אוּנ זִיא הָאט צוּא אִים גִיזָאגְט : וְויא בַּאלְד הוֹרְקָנוּס קֶען דָאךְ שׁוֹין נִיט מֶער טָאן דִיא עֲבוֹדָה · אִיז דָאךְ דֶער יוֹשֶׁר דוּא זָאלְסְט אִיבֶּער גֶעבִּין דִיא כְּהוּנָה גְדוֹלָה צוּא אַרִיסְטוּבּוּל דֶעם בְּרוּדֶער פוּן מִרְיָם · אוּנ וָוארוּם זָאל דֶער קֶינִיג גֶעבִּין דִיזֶען אַמְט (טְשִׁין) צוּא אַיין פְרֶעמְדִין מַאן ? אָבֶּער דֶער הוֹרְדוּס הָאט אָפּ גִישְׁטוֹיסִין אִיר גִיבֶּעט מִיט ווִינד אוּנ רוּיךְ · זִיא אָבֶּער הָאט נִיט גִירוּט · זִיא הָאט אָן גִישְׁטֶעלְט גוּטֶע פְּרַיינְד פוּן דֶער אַרִיסְטָאקְרַאטְיֶע זֵייא זָאלִין פַאר אִים בֶּעטִין · אוּנ אַלֶכְּסַנְדְרָה הָאט גִישְׁרִיבִּין אַיין בְּרִיף צוּא קְלֶעאָפַּאטְרָה דִיא קֶינִיגִין פוּן מִצְרַיִם · אוּנ אוֹיךְ אַיין בְּרִיף הָאט זִיא גִישְׁרִיבִּין צוּא מַארְקוּס אַנְטאָנִינוּס דָאס זֵייא זָאלִין פַאר אַרִיסְטוּבּוּל בֶּעטִין · דַאן הָאט דֶער קֶענִיג צוּא זַייעֶרֶע רֵייד אַיין גִיוִוילִינְט · אוּנ עֶר הָאט אָפּ גִינוּמֶען פוּן חֲנַנְאֵל דִיא כְּהוּנָה גְדוֹלָה אוּנ הָאט אָפּ גִיגֶעבִּין צוּ זַיין שְׁוָואגֶער אַרִיסְטוּבּוּל · דַאמַאלְס אִיז דִיא פְרֵיידֶע פוּן יְרוּשָׁלַיִם גִיוֶועזִין זֵייעֶר גְרוֹיס · אוֹיךְ דִיא פַיינְד פוּן הוֹרְדוּס · אַלְס זֵייא הָאבִּין גִיזֶעהֶען דָאס זַיין הַארְץ הָאט זִיךְ גִיבֶּעסֶערְט לִיבּ צוּ הָאבִּין זַיין פָאלְק · הָאבִּין זֵייא זִיךְ אוֹיךְ אַלֶע פַאר זַאמִילְט אוּנ הָאבִּין זִיךְ פַאר אִים גִיבּוּקְט אוּנ אִים גִידַאנְקְט מִיט עֶהְרְפוּרְכְט · אוּנ זֵייא הָאבִּין זִיךְ אַלֶע בֶּעשְׁלָאסִין אִים מִיט עֶרִינְסְט צוּ דִינֶען · אַלְס דֶער קֶינִיג אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען אִין גַאס · זַיינֶען יוּנְגֶע אוּנ אַלְטֶע פַאר אִים גִישְׁטַאנֶען אִין פְרוּנְט · אוּנ הָאבִּין אוֹיס גִישְׁרִיעֶן אוּרַא, אוּרַא ! מִיט דִיא גְרֶעסְטֶע פְרֵיידֶע וָואס קֶען נָאר גֶעבִּין · אָבֶּער וָוען דָאס פָאלְק הָאבִּין גִיזֶעהֶען דֶעם נַייעֶם כֹּהֵן גָּדוֹל אַרִיסְטוּבּוּל · הָאבִּין זֵייא מִיט מֶער פְרֵיידֶע אוּנ

פְּרִישְׁקַייט אוּרַא גֶעשְׁרִיעֶן ׃

זייער לִיבְּשַׁאפְט הָאט גִימוּזְט גוּט שְׁטֶעהְן אִין הַארְצְן דֶעם אֲדוֹמִי ׃ הָאט שַׁמַּאי גִיזָאגְט ׃ בַּיי דִיא פְרַיינְדֶע פוּן דִי חַשְׁמוֹנָאִים אִיז עֶר גִישֶׁעצְט וִויא דִיא וַוייסֶע צִינג ׃ עֶר קֶען עֶס גָאר נִיט לַיידְין וֶוען עֶר זֶעהְט דֶעם פָאלְק דָאס זַייא פְרֶייעֶן זִיךְ צוּא דֶעם גְלִיק פוּן דֶעם שְׁטַאם דֶער חַשְׁמוֹנָאִים ׃

דָאס גַאנְצֶע פָאלְק ׃ זָאנְט בֶּן בָּבָא ׃ הָאבִּין אוּים גִיזֶעהֶען וִויא נְבִיאִים ׃ זַייא זַיינֶען אַלֶע גִיוֶועזִין דֶעם קֶינִיג הוֹרְדוֹס שְׂרַייא ׃ אַלֶע זַיינֶען צוּזַאמֶען גִיגַאנְגֶען אִין גָאטֶעס הויז ׃ אוּנ הָאבִּין גִיבְּרַאכְט עוֹלוֹת אוּנ שְׁלָמִים בִּיז עֶס אִיז גִיקוּמֶען דֶער הֵיילִיגֶער טָאג יוֹם כִּפּוּר ׃ דֶער טָאג אִיז פוּן אֵייבִּיג אָן בֶּעשְׁטִימְט גִיוָוארִין פַאר דֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל צוּ טָאן דִיא עֲבוֹדָה צוּא גָאט בָּרוּךְ הוּא ׃ אוּנ צוּ אָפְּפֶערְן דֶעם זִינְד אָפְּפֶער (חַטַּאת הַכִּפּוּרִים) צוּא פַאר גֶעבִּין דִיא זִינְד פוּן דֶעם גַאנְצִין פָאלְק יִשְׂרָאֵל ׃ וֶוער קֶען שִׁילְדֶערִין דִיא פְרֵיידֶע פוּן יִשְׂרָאֵל אִין יֶענֶער צַייט וֶוען זַייא פְלֶעגִין גֵיין אוּיף דֶעם הַר הַבַּיִת ׃ וִויא אַיין שְׁטְרָאם וַואסֶער הָאבִּין זַייא אַלֶע גִיצוֹיגְן נָאךְ גָאטֶעס הויז ׃ אוּנ אַלְס דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן קָדְשֵׁי קָדָשִׁים בְּשָׁלוֹם הָאט מֶען גִימַאכְט אַגְרוֹיסֶען מָאהְלְצַייט ׃ אוּנ מֶען הָאט זִיךְ זֵייעֶר פִיל מְשַׂמֵּחַ גִיוֶועזִין ׃ מִיט לוֹיבּ אוּנ גִיזַאנְג הָאט מֶען גִידַאנְקְט צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ פַאר זַיינֶע פִיל גִינָאד וָואס עֶר הָאט מִיט אוּנְז גִיטָאן וָואס עֶר הָאט אִיבֶּעַר גִילָאזִין אַיין שַׁיין פוּן דֶער פַאמִילְיֶע חַשְׁמוֹנָאִים ׃ צוּא הָאבִּין פוּן זַייא אַיין כֹּהֵן גָּדוֹל צוּא דִינֶען גָאט בָּרוּךְ הוּא אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ ׃ וִויא שֵׁיין אוּנ פוּרְכְטְבַּאר אִיז גִיוֶועזִין דִיא פְרֵיידֶענְשְׁטִימֶע פוּן דֶעם פָאלְק אִין דֶער צַייט וָואס אַרִיסְטוֹבוּל אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן דֶעם קֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים ׃ אוּנ וִויא טַייעֶר אִיז גִיוֶועזִין דִיא רֶגַע וָואס דֶער הֵיילִיגֶער

שֵׁם הַמְפוֹרָשׁ איז אַרוֹיס גִירָעט גִיוָואַרִין פוּן דָעם טוּיל פוּן כֹּהֵן גָדוֹל · עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען גִיקְלֵיידָעט אִין טַייעָרָע לַיינָען · אוּנ זַיין גָעוִיכְט הָאט גִיגְלַאנְצְט אוּנ גִישַׁיינְט וִויא דִיא לִיכְטִיגָע זוּן · אוּנ אַלֶם דִיא זוּן אִיז אוּנְטֶער גִיגַאנְגֶען · הָאט מֶען דָאס הַויז זַייעֶר שֵׁיין צוּא גִיפּוּצְט · אוּנ מֶען הָאט גְּדֶעקְט אֵיין טִישׁ · דָעם כֹּהֵן גָדוֹל הָאט מֶען אוּנְטֶער אַגְרוֹיס גִיזֶעלְשַׁאפְט מִיט לוּסְט אוּנ פְרֵיידָע גִיפִירְט נָאךְ זַיין הויז · פַאר אִים זַיינֶען גִיגַאנְגֶען מוּזִיק אוּנ בֶּעגְלֵייטֶער · דָעם כֹּהֵן הָאט מֶען גִיפִירְט אוּנְטֶער אֵיין חוּפָּה אוּנְטֶער זַיינֶע פִים זַיינֶען גִיוֶועזִין אוֹיס גִיבֶּעט דִיוַואנֶען פוּן טַייעָרִין פוּרְפּוּר אִין אַלֶע גַאסִין פוּן יְרוּשָׁלַיִם בִּיז זַיין הויז · אִין אַלֶע הַייזֶער פוּן יִשְׂרָאֵל הָאט מֶען לִיכְטֶענִירְט (מֶען הָאט גִיצוּנְדֶען לִימִינַאצְיָע) אַלֶע אַיינְווָאוּנֶער פוּן שְׁטָאט הָאבִּין זִיךְ שְׁטַארְק גִיפְרֵייט · אוּנ פוּן זַייעָרֶע שְׁטִימֶע הָאט כִּמְעַט דִיא עֶרְד גִיצִיטֶערְט ·

אָ וֵויא ! אִיךְ גְלוֹיבּ דָאס דְרִיבֶּער הָאט דָעם קֶינִיג פַאר דְרָאסִין אוּנ עֶר הָאט אִיהְם דְרוּם גִילָאזְין אוּם בְּרֵיינְגֶען · הָאט שַׁמַאי גִיעֶנְטְפֶערְט ·

עֶס אִיז גִיוֶוען אַזוֹ · רַבִּי · דָאס פַאר שְׁטֵייט יֶעדֶער · הָאט בֶּן בְּבָא גִיזָאגְט · דֶער צֵייל מִיר רִיכְטִיג וִויא אִיז דִיא זַאךְ צוּא גִיגַאנְגֶען ? הָאט אִים שַׁמַאי גִיפְרֶעגְט ·

דִיא גִישִׁיכְטֶע אִיז אַזוֹ גִיוֶועזִין · זָאגְט בֶּן בָּבָא · אוֹיף מָארְגִין נָאךְ יוֹם כִּפּוּר אִיז דֶער כֹּהֵן גָדוֹל גִיגַאנְגֶען מִיט זַיינֶע גוּטֶע פְרַיינְט צוּ גִינִיסֶען דִיא פְרַייעֶ לוּפְט אוֹיסֶער הַאלְבּ דֶער שְׁטָאט · פְּלֶעצְלִיךְ (פְּלוּצְלוּנְג) הָאט מֶען גִיהֶערְט דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאט קְלִינְגְט דָאס מֶען הָאט אָן גִיזָאגְט · דָאס דֶער טַייעָרֶער כֹּהֵן גָדוֹל וָואס מִיר הָאבִּין זִיךְ גֶעכְטִין מִיט אִים גִיפְרֵייט · הָאט זִיךְ דָארְטִין גִיבָּאדִין אִין טַייךְ אוּנ עֶר אִיז דֶער טְרוּנְקֶען גִיוָוארִין · אַלֶע הָאבִּין גוּט פַאר שְׁטַאנֶען

דאס

דָאס דֶער קִינִיג הוֹרְדוֹס הָאט עָס פֶּערְאוֹרְזַאכְט · דֶער מֶערְדֶער הָאט צוּא אִים אוּנְטֶער גִישִׁיקְט זַיינֶעם אַיוֶעץ וָועלְכֶער הָאט זִיךְ אִים אַלְס פְּרַיינְד פַאר שְׁטֶעלְט · אוּנ אַלְס עֶר אִיז מִיט אִים אִין אָבִינְר זִיךְ גִינַאנְגֶען בָּאדֶען · הָאט עֶר אִים דָארְטִין אִין טַייךְ אָן גִיגְרִיפֶען פַאר זַיינֶע פִּיס אוּנ עֶר הָאט אִים גִישְׁטִירְצְט אִין דֶער טִיפֶע · אוּנ עֶר הָאט אִים דָארְטִין אַזוֹ לַאנְג צוּא גִיהַאלְטִין בִּיז זַיין נְשָׁמָה אִיז הֶערוֹיס גִינַאנְגֶען · דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאט הָאט גִירוֹישְׁט וִויא אַיין קֶעסִיל · אַלֶע הָאבִּין גִיוֵויינְט יָאמֶערְלִיךְ · מִיר הָאבִּין אַלֶע רֶעכְט פַאר שְׁטַאנֶען דִיא לַאגֶע פוּן יִשְׂרָאֵל · וִויא אוּנְגְלִיקְלִיךְ זֵייא זַיינֶען · — אוּנ וִויא מֶען הָאט דֶעם עֶרְטְרוּנְקֶענֶעם כֹּהֵן גִיבְּרַאכְט נָאךְ צִיוֹן · הָאבִּין דָאשׁ גַאנְצֶע פָאלְק יֶענֶעם טָאג גִיפַאסְט אוּנ מֶען הָאט אוֹיךְ גְרוֹישֶׂע הֶסְפֵּדִים גִימַאכְט · דֶער טִירַאן הוֹרְדוֹס הָאט אוֹיךְ מִיט פְּלַייס גֶעוֵויינְט אוּנ גִיקְלָאגְט · עֶר הָאט פוּן זִיךְ אָפּ גֶעצוֹיגִין זַיינֶע בִּגְדֵי מַלְכוּת · אוּנ הָאט זִיךְ אָן גֶעקְלֵיידֶעט אִין טְרוֹיעֶר (זַאקְאבּ) · אוּנ עֶר הָאט גִיהֵייסִין דָאשׁ מֶען זָאל דֶעם כֹּהֵן מְקַבֵּר זַיין מִיט גְרוֹישׁ כָּבוֹד · אוּנ עֶר אַלֵיין אִיז גִינַאנְגֶען נָאךְ זַיין מִטָּה אוּנ הָאט גֶעוֵויינְט · — נָאר דִיא מְקַנְאִים פוּן דֶעם פָאלְק וָועלְכֶע הָאבִּין רִיכְטִיג גֶעוואוּסְט דָאשׁ פוּן זַיין סוֹמְווִילִיגֶעם הַארְץ הָאט דָאשׁ גַאנְצֶע אוּנְגְלִיק גִישֶׁעהֶען ; זַיינֶען אַלֶע אַרוֹיף גִינַאנְגֶען אוֹיף דִיא דֶעכֶער · אוּנ הָאבִּין אוֹיף דֶעם הוֹרְדוֹס גִישָׁאסִין מִיט פַיילִין · זֵייא הָאבִּין אִים גִיוָואלְט אוּמְבְּרֵיינְגֶען פוּן גָאמֶעם עֶרְד · אָבֶּער דֶער קִינִיג הָאט זִיךְ בַּאלְד פַאר בָּארְגִין אוּנ אִיז פוּן זֵייא אַנְטְלָאפִין · זַיינֶע לַייבְּוַואכֶע הָאבִּין יֶענֶע הַייזֶער צוּם גְרוּנְד פַאר ווִיסְטֶעט · פוּן דִיא אַלֶע זַאכִין וָועלְכֶע אִיךְ וֵייס · בִּין אִיךְ דִיר גִיקוּמֶען זָאגִין ·

»וָוער אָבֶער הָאט דִיךְ גִישִׁיקְט דָאס דוּא זָאלְסְט עָס מִיר

דָער צֵיילָען ?» הָאט אִים שַׁמַאי גִיפְרָעגְט ׳

מִרְיָם ׳ זִיא הָאט עָס מִיר גִיהֵייסִין אִיךְ זָאל עָס גֵיין דִיר אָן זָאגִין ׳ הָאט גִיעֶנְטְפֶערְט בֶּן בָּבָא ׳

«מִרְיָם ?» הָאט שַׁמַאי מִיט אֵיינֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע שְׁטִימֶע אוים גִישְׁרִיעֶן ׳ וִויא וֵויים זִיא נִיט דָאס הוֹרְדוּס וֶועט אַלְץ בֶּעמֶערְקִין ? עֶר שִׁיקְט דָאךְ שְׁטֶענְדִיג זֵיינֶע מֶענְטְשִׁין אִין גִיהֵיים אום צוּא שְׁפִּירִין דִיא טְרִיט פוּן יֶעדֶען מֶענְטְשִׁין ׳ אונ וִויא הָאסְט דוּא דִיךְ אַלֵיין אַיין גִישְׁטֶעלְט אִין גִיפַאהְר (סַכָּנָה) אוּנ דוּא הָאסְט קֵיין מוֹרָא גִיהַאט צוּא קוּמֶען צוּא מִיר ׳

«וֶוען מִרְיָם וֶועט מִיךְ אויךְ שִׁיקִין אוּנְטֶער דֶער עֶרְד צוּם טוּיט ׳ הָאט בֶּן בָּבָא גִיזָאגְט ׳ וֶועל אִיךְ דֶען נִיט גֵיין ?»

מִיט בִּיטֶערֶע בְּלִיקֶען הָאט אִים שַׁמַאי אָן גִיוָועהֶען ׳ אוּנ הָאט אִים גִיפְרֶעגְט ; אוּנ וָואס נָאךְ הָאט מִרְיָם דִיר גִיהֵייסִין וָואס דוּא זָאלְסְט מִיר זָאגִין ?

מִרְיָם הָאט מִיר גִיהֵייסִין ׳ הָאט בֶּן בָּבָא גִיזָאגְט ׳ דָאס אִיךְ זָאל דִיךְ בֶּעטִין ׳ דוּא זָאלְסְט אִיר רַאטִין וָואס זִיא זָאל טָאן ׳ זִיא וֵויינְט נָאר אָן אוֹיף הֶערוּנְג ׳ זִיא לָאזְט זִיךְ נִיט טְרֵייסְטֶען ׳ זִיא וֵויים וִויא אוּנְגְלִיקְלִיךְ זִיא אִיז ׳ דֶען זִיא אַלֵיין אִיז אויךְ נִיט זִיכֶער מִיט אִיר לֶעבִּין ׳ דוּא אָבֶּער ׳ וֶועלְכֶער דוּא לִיבְּסְט דִיא וָוארְהַייט אוּנ דוּא הָאסְט פַאר קֵיינֶעם מוֹרָא דִיא וַוארְהַייט אַרוֹיס צוּא זָאגִין ׳ נָאר דוּא אַלֵיין קֶענְסְט אִיר צוּא הִילְפֶע בַּייא שְׁטֵיין ׳ דוּא קֶענְסְט אִיר טְרֵייסְטִין ׳ אוּנ אִיצְטֶער מוּזְט דוּא מִיט מִיר גְלַייךְ גֵיין צוּא אִיר ׳

יֶעצְט זָאל אִיךְ צוּא אִיר גֵיין ? הָאט שַׁמַאי גִיזָאגְט ׳ אוּנ וָואס קֶען אִיךְ אִיר טָאן ? דִיא חַשְׁמוֹנָאִים דִיא הֶעלְדִין זֵיינֶען אַלֶע גִישְׁטָארְבִּין ׳ אִיךְ אַלֵיין הָאבּ שׁוֹין מֶעהְר קֵיין קְרַאפְט ׳ מַיין עֵצָה

איז גישט · יעצט אין אזו איין צייט וואס איך קען מיט קיין זאך העלפין · זוכט זיא פון מיר ראט אונ הילפע · אונ אין יענע צייטין וואס איך האב גיהאט ראט אונ מאכט · האט איר מיך אויס גישפיגין · מיינע רייד האט איר גיט גיוואלט הערין · אונ מיין ראט האט איר ניט אן גינומען ; אבער דאך וועל איך מיט דיר גיין · ווייל מרים האט מיך גירופין · זיא וועט שוין פון אים ראכע נעמען · איך וועל מיט גאטעס הילף דיזען טיראן אין גאנצן פאר טיליגין · איך וועל אים אויס ראטען וויא מען ראטט אויס מיסט · אונ דאס פאלק יהודה וועט ווידער וויסין פון איין גוטין לעבין וויא אמאל איז גיוועזין · אונ דער נאמען פון הורדוס זאל גאר מער גיט גידאכט ווערין אויף אייביג · קום יצחק ! מיר וועלין גיין !

שמאי איז אויף גישטאנען · האט גינומען דעם מאנטיל אויף זיך · האט מיט גינומען שפייז אויף דעם וועג · דעם יצחק האט ער גיגעבין אקרוג מיט וואסער · אונ זיינען ארויס גיגאנגען אויף דעם הויף . בן בבא איז צוערשט ארויס גיגאנגען צום טיר פון דער הייל · אונ אלס ער האט גיזעהען דאס דיא זון איז שוין אונטער גיגאנגען אונ דער אבינד בעגינט · האט ער ארונטער גישטעלט דעם לייטער · אונ יצחק בן בבא איז אויף אים צוא ערסט אראפ גיגאנגען · אונ ער האט אויף גיקלעטערט אויפין פעלזין · אונ אלס ער האט זיך הין אונ הער אום גיזעהען דאס קיינער איז ניטא · דענמאל איז שמאי ארויס גיגאנגען פון קלופט אונ האט דעם לייטער פאר שטעקט אין איין טיפע גרוב · אונ וויא עס איז גיווארין רעכט נאכט פינצטער · איז ער מיט בן בבא אין דער וועג גיגאנגען · דער זילבערנער מאנד (לבנה) האט גישיינט אין דעם בלאען הימעל · אונ זיינע שטראלען האבין

גיגלאנצט

גִינְלַאנְצְט אויף דֶער פְּרַאכְטְפָאלֶע הֵייל · אונ אויף דִיזֶע צְוֵוייא טֵייעֶרֶע מֶענְטְשִׁין וָואס זַיינֶען גִינַאנְגֶען אִין דֶעם מִדְבָּר פון יְהוּדָה אִין זַייטִינֶע וֶועגִין · וֶועלְכֶע קַיין פויגֶעל הָאט גִיוואוּסְט ·

צווייטער קאפּיטעל

הוֹרְדוּס הָאט דֶעם פָּאלְק פון יְהוּדָה שְׁרֶעקְלִיךְ גִידְרִיקְט · אַזוֹ פִיל דָאס דָאס פָּאלְק אִיז מִיר גִיוָוארִין צוּא לַיידִין · דָאס בְּלוּט פון דֶעם גַאנְצִין פָּאלְק הָאט גִיקָאכְט וִויא אַיין קֶעסִיל · אָבֶּער זֵייא הָאבִּין זֵייעֶר צָארִין פַאר בָּארְגִין אִין הַארְצִין אונ הָאבִּין פַאר קַיינֶעם מְגַלֶּה גִיוֶועזִין · זֵייעֶר הַארְץ הָאט גִישְׁטוּרְמְט וִויא דִיא וֶועלְלֶען פון מֶער · אונ הָאבִּין גִיזוּכְט מִיטְלֶען וִויא אַרָאפּ צוּא וָוארְפִין פון זֵייא דֶעם שְׁוֶוערִין יָאךְ פון הוֹרְדוּס · אָבֶּער הוֹרְדוּס מִיט זַיין שְׁטְרַיינְגֶע הַאנְט הָאט פון דֶעם פָּאלְק זַיין טוּט גִירְוִויבְּט · דֶער בַּייא הָאט עֶר בַּייא זִיךְ גִיהַאט דִיא רוֹמִישֶׁע מִילִיטֶער · וָואס נָאר אויף אַיין הָאר זַיינֶען זֵייא גִיוֶועזִין פַארְטִיג צוּא פַאר וִויסְטֶען דָאס גַאנְצֶע לַאנְד · אונ צוּא שְׁלַאכְטֶען דֶעם גַאנְצִין פָּאלְק אויב זֵייא וֶועלִין אָפּ קֶערִין פון הוֹרְדוּס בֶּעפֶעל · וָואס דֶער רוֹמִישֶׁער קֵינִיג הָאט אִים אִיבֶּער זֵייא פַאר אַיין מֶלֶךְ גִיקְרוֹינְט · —

שַׁמַּאי אונ יִצְחָק בֶּן בָּבָא זַיינֶען גִיגַאנְגֶען אַלְץ נֶעהֶענְטֶער צוּם שְׁטָאט · זֵייא הָאבִּין זִיךְ גִיזוּכְט אַלְץ זַייטִינֶע וֶועגִין · וָואס וַואנְדֶערֶער גֵייעֶן אִין זֵייא נִיט · וַוייל זֵייא הָאבִּין מוֹרָא גִיהַאט דָאס עֶס זָאלִין זֵייא נִיט אַז טְרֶעפִין דִיא לַייט פון הוֹרְדוּס וֶועלְכֶע גֵייעֶן אוּם פֶערְשְׁטֶעלְטֶערְהֵייט אִין לַאנְד · נוּר צוּא דֶער גֵיין וֶועלְכֶע לַייט פון זַיינֶע פַיינְדֶע · — זֵייא זַיינֶען בֵּיידֶע גִינַאנְגֶען אִין דֶר דוּנְקֶעלֶע נַאכְט בִּיז זֵייא זַיינֶען גִיקוּמֶען צוּא אַיין קְלֵיינֶעם גִיצֶעלְט מִיט דֶעם

בעגינען

בְּעניִנָען פון טָאג · בֶּן בָּבָא הָאט אָן גִיקְלַאפְּט אויף דִיא מִיר · הָאט מָען זֵייא בַּאלְד גִיעֶפִינְט · זֵיינֶען זֵייא אַרַיין גִיגַּאנְגֶען אונ זֵיינֶען דָארְטִין גִיזֶעסִין בִּיז עֶס אִיז וִוידֶער נַאכְט גִיוָוארִין · דִיזָער גֶעצֶעלְט אִיז גִיוֶועזִין אויף גֶעשְׁלָאגִין אִין דָעם טְהָאל בֶּן—הִנוֹם (גֵי בֶּן הִנוֹם) · דָארְטֶן אִיז גִיוֶועזִין אַיין הֵייל אוּנְטֶער דֶער עֶרְד מִיט אַיין וֶועג וָואשׁ הָאט גִיפִירְט אִין אַיין לִשְׁכָּה פון בֵּית הַמִקְדָשׁ · וִויא עֶשׁ אִיז גִיוָוארִין נַאכְט, זֵיינֶען שַׁמַאי מִיט יִצְחָק בֶּן בָּבָא אַרוֹישׁ גִיגַאנְגֶען אוֹיף דָעם וֶועג וָואשׁ אַיין הֵייל אוּנְטֶער דֶער עֶרְד · אונ דִיא לִיבְשַׁאפְט וָואשׁ זֵייא הָאבִּין גִיהַאט צוּא זֵייעֶר פָּאלְק · זִיא הָאט זֵייא גֶעשְׁטִיצְט · אונ זִיא הָאט זֵייא גִיגֶעבִּין מוּטְה צוּא גֵיין דוּרְךְ דִיא וֶועג :

זֵייא זֵיינֶען גִיגַאנְגֶען דוּרְךְ דֶער הֵייל ; אונ אויף דָעם לַאנְד אִין דֶער נָארְדְלִיכֶע זֵייט (פְּאַת צָפוֹן) פון יְרוּשָׁלַיִם, הָאט מָען גִיזֶעהָען אֵיינֶע גְרוֹיסֶע אַרְמֶיע גֵייעֶן · אַיין שְׁרֶעקְלִיכֶער הָמוֹן רַב וִויא אַיין שְׁטְרָאם וַואשֶׁער צִיהֶען אִין דֶער שְׁטָאט · דִיא שִׁילְדֶען אונ פַּאנְצִירֶען בְּלַאנְקֶען פון וַוייטִין וִויא רֵיינֶע זִילְבֶּער גֶעגִין דִיא שְׁטְרַאלֶען פון דֶער זוּן · דִיא לַאנְצֶען אונ שְׁפִּיזֶען גְלַאנְצִין · פון דִיא פֶּערְד הוּפֶען צִיטֶערְט דִיא עֶרְד · דִיא שְׁוֶוערְדֶען אונ שְׁפִּיזִין קְלִינְגֶען זֵייעֶר הָעפְטִיג · פַאר דִיא מַחֲנֶה אִיז גִיגַאנְגֶען אַפּוּלְק גְוַוארְדְיֶע · אַלֶע זֵיינֶען הָעלְדֶען אַשְׁרֶעק צוּא זֶעהֶען · זֵייא זֵיינֶען דוּרְךְ אוֹים אִין אַייזִין אונ קוּפֶּער בֶּעדֶעקְט · אונ הָאבִּין גִיהַאלְטִין בְּלַאסֶע דֶעגִין אִין דִיא הֶענְט · נָאךְ זֵייא זֵיינֶען גִינַאנְגֶען רַייטֶער (קַאנִיצֶע) מִיט שַׁארְפֶע אונ לַאנְגֶע פִּיקֶעס · גִיקְלֵיידֶעט אִין פַּאנְצִירִן מִיט זֶעבִּיל בַּייא דִיא זַייטִין · נָאךְ זֵייא זֵיינֶען גִינַאנְגֶען מוּזִיקַאנְטִין נָאךְ דִיא אַלֶע הָאט מָען גִיזֶעהֶען דָעם קֶינִיג הוֹרְדוֹס רַייטִין אויף אַיין פְּרֶעכְטִיגֶען פֶּערְד · אִין קֶענִיגְלִיכִין טְרַאכְט מִיט אֵיינֶע

גאלדענע

גאָלדענע קרוין אויף זיין קאָפּ · זיינע אויגין שטראַהלען אויס בּיסטערע בּליקען אויף דעם גאַנצין פאָלק וואָס אַרום אים · ער האָט גירישען מיט צערשטרייטעס זין · מיט שטאָלץ האָט ער גיהאַלטין זיין רעכטע האַנט אין דיא באָקעס · אונ דיא לינקע האַנט זיינע איז גיוועזין גישטיצט אויף דעם שטיל פון זיין גאָלדענעם שווערד · נאָך דעם קיניג האָבין גירייטען פערשידענע לייט · יעדער אין דעם טראַכט פון זיין לאַנד מיט דיא וואַפען פון זיין אָרט · דער פּערסיאַנער אין זיידען קליידער · דר אַראַבּער אין ליינען · דער רומישער אין שופּענפּאַנציר · דער גריכע מיט זיין בּויגען וועלכער וואַר גישניצט מיט פערשידענע בּלומען · צווישין זייא האָט דער מצרי אונ דער כותי אויך ניט גיפעלט · נאָך דיא גאַנצע אַרמייע איז נאָך גיפאַרין וועגין בּעלאַדען מיט פּריוויאַנט · אונ קאַמעלין (ווערבּלודעם) וועלכע האָבין גיטראַגין עמונציע דאָס איז גיצעלטין אונ קליידער · אונ אַנדערע פּריפּאַסין פון קריג · אונ דיא לייבּוואַכע פון קיניג זיינען גיגאַנגען צום לעצטין ·

דיא זון האָט גינייגט צום אונטער גיין · אונ איין שטאַרקער ווינט האָט אָן גיפאַנגען צוא רוישען אויף דעם לאַנד · אונ האָט גיקילט דיא היץ פון דעם בּרענענדען טאָג · דיא גאַנצע אַרמייע זיינען גיגאַנגען דורך איין וואַלד · פון ווייטין האָבין זיך גיוויזען צווייא רייטער אויף בּליצענדע פערד קומען אַרוים פון דער שטאָט · איינער וואַר איין זיבּען יאָריגער קנאַבּע · ער האָט גיריטין אויף איין יונגען פערדיל · אונ זיין ערציהער האָט אים גיהאַלטין פאַר דיא לייצעס · אים צוא קערעווען אין דעם וועג וואו הין ער וויל פאַרין ; דיזער קנאַבּע איז דער זון פון הורדוס וועלכע מרים החשמונאית האָט צוא אים גיבּאָרין · זיין גישטאַלט

איז

איז הערליך שיין · אויף זיין גיזיכט ליגט קעניגליכע מייסטעט · אלס דאס קינד האט פון ווייטען גיזעהען דיא מיליטער פון זיין פאטער · האט ער זיך זייער גיפרייט · אונ האט גיטריבען זיין פערד אונ איז גילאפען צו אים וויא איין פייל פון בויגען · נאך אים איז אויך גיפלויגען דער אנדערער רייטער · זיין פידאגאג אונ לעהרער · אלס דאס טייל פון קעניג האבען דער זעהען דעם קינד פון ווייטען · האבען זייא פאר אים גימאכט רוים · אונ האבען אויס גישריען : עס זאל לעבען אלכסנדר דער זון פון הורדוס ! דער קעניג האט זיך ערוואכט פון זיינע טיפע גידאנקען · ער איז אים אנטקעגען גיקומען אונ האט אים אום גיארעמט אונ גיקושט מיט ליבשאפט · «מיט פיל גליק זאל זיין דיין קומען פאטער !» האט דאס קינד אויס גישריען אלס ער האט צוא אים צו גיטראטען · וואס מאכסט דוא אלכסנדר מיין זון ? ביסט דוא גיזונט ? זאג מיר מיין טייערער זון · האט ווער דיך צו מיר פילייכט גישיקט ? האט אים דער קעניג גיפרעגט אין דער שטיל אלס ער איז בייא זיינער זייט גירימען ·

«מיין לעהרער האט מיר גיזאגט דאס היינט קומסט דוא אן נאך הויזע · דרום האב איך גילאזען שפאנען מיין פערד אום דיך דא אויף צוא ווארטען» ·

וואס מאכט דיינע מוטער ? איז זיא גיזונד ?

«איך האב נאך היינט מיין מוטער ניט גיזעהען · וויל זיא זיצט שטענדיג פר זארגט אונ פאר קימערט אין איר קאבינעט · — הורדוס הערט אונ זיפצעט — נאך איינינע מינוטען האט אים הורדוס אין דער שטיל גיפרעגט : ווען ביסט דוא גיוועזען בייא איר אין קאבינעט ?

«נעכטין האב איך מיט איר מיטאג גיגעסין ·· אונ פון

ראמאלס אן האב איך איר מער ניט גיזעהען · מיין קליינעס ברודער אריסטובול איז שוין בעסער וויא מיר · ער זיצט שטענדיג בייא מיין מוטער אויפין שויס ·

איז פילייכט ווער בייא איר דיא צייטין גיוועזין? האט אים הורדוס גיפרעגט · — דאס קינד שווייגט אונ ענטפערט ניט · —

דער מאן זיך מיין קינד פילייכט האסטו וועמען גיזעהען דער איז איר צום בעזוך גיקומן? — האט הורדוס צו אים גיזאגט מיט ביסטרע בליקען ·

«א · יא! איך האב מיך דער מאנט · האט דאס קינד גיענטפערט · דאס פריילין מרים · אונ דער אלטער יוחנן זיינען דארט גיוועזין» ·

אונ וואס האבין זייא צווישין זיך גירעט? האט הורדוס גיפרעגט ·

«איך וויים פון קיין זאך» · האט דער יונג גיענטפערט · עס איז גיוועזין טויט שטיל · אונ אלע זיינען גיזעסין פאר קימערט אונ בעזארגט · איך בין גערין גיוועזין וואס איך בין פון איר ארוים גיגאנגען · נאר דאס גידיינק איך · דאס יוחנן האט צוא מיין מוטער אן גיזאגט · דאס דער אלטער הורקנוס וועט צוא איר קומען צום בעזוך אין איר הויז ·

יא עס איז ריכטיג! האט הורדוס אוים גישריען צערשטרייט אונ מיט ערשטוינען · אלס דער יינגלינג האט פון אים אפ גיטראטין · איז פון דיא מיליטער ארוים גיטראטין צו אים איין יונגע · דר וואר שלאנק גיוואקסין · זיין גישטאלט איז מייסטעטיש· זיינע האר זיינען געלב גאלד קאליר · בראנעטע אויגין · דיזער יונגע איז דער זון פון הורדוס · פון זיין ערשטע פרויא וועלכע ער האט איר גיגעט צו ליב דיא מרים החשמונאית · אונ ער האט

פאר

פאר איר גינעבין איין אָרט צוא זיצין אין דער שטאט הערדיס אין דעם אַנדערין זייט פון ים המלח · אַלס דער יונגע איז גיקומען · האט ער גירייכט זיין האנט דעם קלענערין ברודער · אונ זייא ביידע זיינען גירִיטין הינטער זייער פאטער ·

פון וואנען קומסט דוא מיין ברודער? האט אים אַלכּסנדר גיפרעגט · פון סעבאַסטַא · האט אים גיענטפערט אנטיפאטור ·

פון סעבאסטא ? איך האב קיין מאל גיהערט דעם נאמען פון דיזע שטאט · עס וואונדערט מיך ווארום האט מיר מיין לעהרער פון איר ניט גיזאגט ·

דו האשט עש גאר ניט גיהערט , דאש אונזער פאטר האט בעפאהלען דאש מען זאל רופין דיא שטאט שומרון סעבאַסטַא לכבוד דעם רומישין מאנארך סעבאַסטיאַן , אונ אזו וועט מען איר אן רופין אַלע מאל :

איך קען ניט ליידין איר נייעם נאמען , האט אַלכּסנדר גיענטפערט , ווען איך וועל בלייבין קעניג אנשטאט מיין פאטער · וועל איך איר הייסין צו ריק רופין מיט דעם נאמען שומרון :

אנטיפאטור האט פון אים אפ גיקערט זיין געזיכט, ווייל דיזע רייד פון זיין ברודער האבין אים גישטאכען אין הארצין ; נאר אַלס ער האט דער נאך באמערקט דאש הורדוס האט אן גישטעלט זיינע אויערין צו הערין וואש זייא ריידין · האט ער אים ווידער געוויזין איין פריינדליכעס געזיכט :

נון וואס האט איר גיטאן אין סעבאסטא? האט אים דאש קינד ווידער גיפרעגט :

דארט זיינען מיר אוים גיגאנגען אויף דעם יאגד (פאליוואניע) · אונזער פאטער האט דער שלאגען צום טויט דעם

לֵייבּ · אִין דֶער צַייט וָואס אַלֶע יֶענֶער זַיינֶען צוּא לָאזִין פוּן זַיין פּוּרְכַם ·

אִיז עֶס וַואר · אוּנְזֶער פָּאטֶער הָאט אִין וַואלְד דֶעם לֵייבּ טוֹיט גִישְׁלָאגִין ? אַךְ אוּנְזֶער טַייעֶרֶער פָּאטֶער · עֶר אִיז דִיא קְרוֹין פוּן אוּנְזֶער קָאפְּף · אִיךְ וָואלְט עֶס זֵייעֶר גֶערִין גִיוָועזִין צוּא זֶעהֶען ·

מִיר הָאבִּין דָארְט אוֹיךְ גִיזֶעהֶען דָאס גְרוֹיסֶע הוֹיז וֶועלְכֶע אוּנְזֶער פָּאטֶער הָאט דָארְט גִילָאזִין בּוֹיעֶן , פְּרֶעכְטִיג שֵׁיין !

וָואס פַאר אַיין הוֹיז בּוֹיט דָארְט אוּנְזֶער פָּאטֶער ?

אוּנְזֶער פָּאטֶער לָאזְט דָאךְ דָארְטִין בּוֹיעֶן אַיין נַייעֶם בֵּית הַמִקְדָשׁ ·

אִין שׁוֹמְרוֹן אַיין בֵּית הַמִקְדָשׁ ? הָאט דָאס קִינְד אוֹיס גִירוּפִין מִיט עֶרְשְׁטוֹינֶען · בּוֹיט עֶר דֶען דָארְט אַיין בֵּית הַמִקְדָשׁ צוּא דִינֶען אָפּ גֶעטֶער ? מִיר הָאבִּין דָאךְ שׁוֹין אַיין בֵּית הַמִקְדָשׁ אִין אוּנְזֶער לַאנְד · אוּנ נָאךְ אֵיינֶעם בְּרוֹיכִין מִיר נִיט !

דִיזֶע הוֹיז וִויל בּוֹיעֶן אוּנְזֶער פָּאטֶער צוּא דֶעם נָאמֶען פוּן דֶעם רוֹמִישֶׁען מֶאנַארְךְ ·

אִיךְ גְלוֹיבּ נִיט דָאס אוּנְזֶער פָּאטֶער זָאל בּוֹיעֶן אַיין הוֹיז צוּא דֶעם נָאמֶען פוּן אַיין שְׁטֶערְבְּלִיכֶען ·

דוּא וֶועסְט דָאךְ זֶעהֶען · הָאט אַנְטִיפַּאטוֹר גִיעֶנְטְפֶערְט מִיט לִיסְט · עֶר וֶועט נָאךְ דָארְט אוֹיךְ אוֹיס בִּילְדֶען אַיין גָאלְדֶענֶעם דֶענְקְמָאל (פָּאמֶעטְנִיק) נָאךְ דֶעם בִּילְד פוּן דֶעם רוֹמִישָׁען מָאנַארְכֶען · עֶר וֶועט שְׁטֵיין וִויא אַנָאט · וֶוען דוּא וֶועסְט אִים זֶעהֶען · דַאן וֶועסְט דוּא פִיל מֶער פֶערְגֶענִיגִין הָאבִּין ·

דוּא זָאגְסְט לִיגֶען בְּרוּדֶער · וַוייל דֶער וֶועלְכֶער אַזוֹ אַיין אוּנְרֶעכְט טוּט · דֶער אִיז טוֹיט שׁוּלְדִיג ·

אוֹיךְ

אויך דיא גאַטין ראָמאַ וועט ער לעבין אים אוים בילדען׃ זיא וועט דורך אויס פון גאָלד גישלאָגין׃ אונ וועט זיצין אויף איין שטול פון עלפאַנט ביין׃

דוא זאָגסט פאַלש ליבער ברודער׃ מיין פאָטער וועט אַזו איין פערברעכין ניט טאָן׃ ווען איך וואָלט יעצט געוועזין איין קיניג אין יהודה׃ וואָלט איך אַזו איין דענקמאַל צוא ברעכין׃ אונ וואָלט אויך דעם הויז צוא רייסין אונ פאַר וויסטין ביז צום גרונד׃

הורדוס האָט דעם קינד ביסטרע אָן גיזעהען׃ אונ ער האָט זיך פר אים זייער גישראָקין׃ אָבער ער האָט גישוויגין שטיל. אַלס זייא זיינען גיקומען פאַר דעם טויער פון בית־צעטהאַ האָט מען גיהערט דיא מוזיקע שפּילין׃ דיא טויער ווערכטער זיינען אויס גיגאַנגען דעם קעניג מקבל פנים זיין׃ צוא דיא שטימע פון דער־מוזיק האבין זיך פאר זאַמילט איין גרויסער המון עם׃ אונ דאָס גאַנצע מיליטער האָבין אויס גישריען׃ עס זאל לעבין דער קיניג הורדוס! אָבער דאָס גאַנצע פעביל האָבין גישוויגין׃ אונ גאָר ניט גיענטפערט׃

דיא זון איז אונטער גיגאַנגען׃ אונ דיא צווייא וואַנדערער וועלכע זיינען דורך דיא הייל פון אונטער דער ערד׃ זיינען דורך דעם טאָל פון בן הנום אָן גיקומען אין דעם היכל׃ אונ הורדוס וועלכער איז צוא ריק גיקומען פון שומרון נאָך ירושלים׃ האָט איין גיטראַכטין צוא זיך אין זיין קיניגליכען פּאַלאַץ׃

דריטער קאפיטעל

אין צפון זייט פון דער שטאָט ציון איז גישטאַנען זייער

אַיין הויכֶער טוּרֶעם · וֶועלכֶער הוֹרדוס הָאט אִים גִיבּויט פוּן וֶועגִין דִיא עֶהְרֶע פוּן זַיין פְרויא מִרְיָם · אונ עֶר הָאט אִים גִירוּפִין אויף אִיר נָאמֶען «מִגְדַל מִרְיָם» · דִיזֶער טוּרֶעם אִיז גִיוֶועזִין גִיבּויט פוּן ווייסִין מַארְמָאר שְׁטֵיין · זַיין פוּנְדַאמֶענְט אִיז וִויא צְוַואנְצִיג אֵיילֶען הויךְ פוּן דֶער עֶרְד · אִיבֶּער אִים אִיז גִיוֶועזִין אַיין טִיפֶער אונ אַיין גְרויסֶער קוּפֶּערְנֶער בֶּעקִין · וֶועלְכֶער הָאט אִין אִים אַריין גִינוּמֶען דָאס וַואסֶער פוּן רֶעגִין · אַיין בַּאלְקָאן פוּן צְווייא אֵיילֶען דִיא הויךְ אִיז גִיוֶועזִין אַרוּם אִים · מִיט שֵׁיינֶע פַּארֶענְצִין · דִיזֶער טוּרֶעם וָואס עֶר הָאט גִיהֵייסִין מִגְדַל מִרְיָם · אִיז גִישְׁטַאנֶען אויף אַיין הויכִין אונ שְׁטֵיילֶען בַּארְג וָואס בִּיז זַיין שְׁפִּיץ הָאט עֶר גִיהַאלְטִין דְרַייסִיג אֵיילֶען דִיא הויךְ · פוּן דִיזֶען טוּרֶעם הָאט אַיין מֶענְטשׁ גִיקֶענְט זֶעהֶען דֶעם גַאנְצֶען קְרייז פוּן יַרְדֵן · דָאס גַאנְצֶע לַאנְד יְהוּדָה אונ אַגְרויסִין שְׁטַח פוּן דֶעם לַאנְד אַרַאבְּיָען · אִין אִים זַיינֶען גִיוֶועזִין פֶערְשִׁידֶענֶע צִימֶערִין · אונ אַלֶע זַיינֶע וֶוענְט זַיינֶען גִיוֶועזִין מִיט גָאלְד אִיבֶּער גִיצוֹיגִין · זַיינֶע זַיילִין זַיינֶען גִיוֶועזִין פוּן רֵיינֶעם זִילְבֶּער גִימַאכְט · אונ זַיינֶע טוּיעֶרִין זַיינֶען גִיוֶועזִין בֶּעשְׁלָאגִין מִיט גָאלְדֶענֶע בְּלֶעכִין · אַלֶע גִיפֶעס פוּן הויז זַיינֶען גִיוֶועזִין פוּן קַארֶעלֶענְהָאלְץ · אַנְדֶערֶע כֵּלִים זַיינֶען גִיוֶועזִין זִילְבֶּערְנֶע אונ אִין זַייא אִיז גִיוֶועזִין אַיינְגִיפַאסְט בּוּרְלַאנְטֶען · דִיא רַייכְטְהוּם אִיז גִיוֶועזִין גָאר אָן אַשִׁיעוּר · עֶס הָאט פַאר נוּמֶען אַיין אויג ·

דִיא אֵייפֶערְזוּכְט וָואס הוֹרְדוּס הָאט גִיהַאט גֶעגֶען זַיינֶע פְרויא הָאט אִים בֶּעווָאגֶען צוּא מַאכִין אַרוּם אִיר וואוּנוּנְג אַיין פֶעסְטוּנְג · אונ צוּא הַאלְטִין אִיר אוּנְטֶער שְׁלֶעסֶער · גָאר אַיין טוּיעֶר אִיז גִיבְּלִיבִּין אָפֶען · דְרוּם הָאט עֶר בַּייא דִיזֶעם טוּיֶער אויף גִינוּמֶען אַיין בֶּעדִינְטֶען דָאס עֶר זָאל אִיבֶּער אִים וַואכִין ·

אבער

אָבֶער זִיא אַלֵיין פוּן אִינְוֵויינִיג אִיז אוֹיךְ זִיכֶער גִיוֶועזִין דָאס קֵיינֶער וֶועט קֶענֶען צוּא אִיר אַרַיינְבְּלִיקֶען דוּרְךְ דֶעם פֶענְצְטֶער ׳ אוּנ דְרוּם הָאט זִיא דָארְט גִיטָאן וָואס זִיא הָאט גִיוָואלְט נָאר אָן מוֹרָא ׳

דִיא כֹּהֲנִים אָבֶער פְלֶעגִין הָאבִּין פָּאטֶעיֶעמְנֶע וֶועגִין אִין הֵיילִין פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד ׳ וָואס זֵייא הָאבִּין גִיקֶענְט גֵיין אִין אַלֶע הוֹיפִין אוּנ פַּאלַאצִין וָואס אִין יְרוּשָׁלַיִם ׳ אוּנ אוּנְטֶער דִיזֶען טוּרֶעם אִיז אוֹיךְ גִיוֶועזִין אַיין שְׁמָאלֶע שְׁטֶעג וֶועלְכֶע זִיא הָאט גִיפִירְט צוּ אַיין גִיוִויסֶען זַייל וָואס אִין יֶענֶעם טוּרֶעם ׳ דִיזֶער זַייל אִיז גִיוֶועזִין פוּסְט פוּן אִינְוֵויינִיג ׳ אוּנ וֶוען אַיין מֶענְטְשׁ הָאט אָן גִירִירְט אָן אֵיינֶעם גִיוִויסִין שְׁטֵיין פוּן דֶעם נָארְדְלִיכֶען זַייל וֶועלְכֶער אִיז אוֹיךְ אַרַיין גִיקוּמֶען אִין דֶעם צִימֶער פוּן דֶער קֶינִיגִין ׳ הָאט עֶר זִיךְ גִיעֶפִינְט וִויא אַיין טִיר ׳ דוּרְךְ דִיזֶע עֶפֶענוּנְג פְלֶעגְט עֶר קֶענֶען אַרַיין גֵיין גְלַייךְ אִין אִיר פַּאלַאץ ׳ אוֹיךְ דִיא קֶינִיגִין (דִיא מַלְכָּה) הָאט פוּן דִיזֶעם פָּאטָאיֶעמְנֶעם גַאנְג גִיוואוּסְט ׳ נָאר אָן אִיר יְדִיעָה הָאט מֶען דִיא פָּאטָאיֶעמְנֶע טִיר נִיט גִיעֶפִינְט ; אַז אַמֶענְטְשׁ הָאט וֶוען בֶּעדַארְפְט הָאבִּין צוּ אִיר הָאט עֶר גִימוּזְט אוֹיף דֶעם שְׁטֵיין צְוֵויא מָאל אָן קְלַאפִּין ׳ דַאן הָאט דִיא קֶינִיגִין פוּן אִינְוֵויינִיג אָפּ גִירִינְגֶעלְט אוּנ עֶר אִיז צוּא אִיר אַרַיין גִיגַאנְגֶען ׳ אַלֶע לַייט פוּן שְׁטָאט הָאבִּין דֶענְמָאל גִישְׁלָאפִין גִישְׁמַאק אוּנ דִיא נַאכְט וַואר זֵייעֶר פִינְצְטֶער ׳ אוּנ דֶער אַלְטֶער שַׁמַאי מִיט דֶעם יוּנְגֶען בֶּן בָּבָא זַיינֶען פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד גִיגַאנְגֶען אִין דִיזֶע שְׁמָאלֶע שְׁטֶעג ׳ נָאר אֵיין פַּאנַאר הָאט דָארְט דוּנְקֶעל בֶּעלַייכְט זֵייעֶר פִינְצְטֶערֶע וֶועג ׳ זֵייא זַיינֶען גִיגַאנְגֶען בִּיז זֵייא זַיינֶען עֶנְדְלִיךְ גִיקוּמֶען צוּא אֵיינֶע קוּפֶּערְנֶע טִיר ׳ דֶער יוּנְגֶע הָאט אַרוֹיס גִינוּמֶען פוּן זַיין קֶעסֶענֶע אַשְׁלִיסִיל אוּנ הָאט דִיא טִיר גִיעֶפִינְט ׳ פוּן דָארְט זַיינֶען זֵייא וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען בִּיז זֵייא זַיינֶען גִיקוּמֶען צוּא דֶעם מוֹיֶער וָואס

דארט

דָארְט אִיז גִישְׁטַאנֶען דֶער זַייל · דֶעם שְׁטֵיין הָאבִּין זַייא גִיפוּנֶען אָפֶּען אָבֶּער מֶען הָאט קַיין מֶענְטְשׁ דָארְטִין גִיזֶעהֶען ·

רָבִּי, אִיךְ וֶועל דָא בְּלַייבִּין שְׁטֵיין, הָאט יִצְחָק בֶּן בָּבָא גִיזָאגְט, אוּנ דוּ זָאלְשְׁט גֵיין וַוייטֶער, אִיךְ מוּז דָא וַוארְטִין בִּיז מֶען וֶועט מִיךְ רוּפִין, וַוייל אַזוֹ הָאט מִיר דִיא קֶענִיגִין בַּאפֶעהְלִין,

שַׁמַאי אִיז וַוייטֶער גִינַאנְגֶען, אוּנ עֶר אִיז אִין אֵיינֶעם צִימֶער גִיקוּמֶען, דָארְט זִיצְט אֵיין אַלְטֶער מַאן, מִיט אֵיינֶעם גְרֵייזִין קָאפּ אָן גֶעשְׁטִיצְט אויף זַיין הַאנְט, אוּנ אַלְס עֶר הָאט גִיהֶערְט דָאשׁ מֶען גֵייט, הָאט עֶר אָפּ גִיקֶערְט זַיין גֶעזִיכְט צוּ זֶעהֶען וֶוער דָא אִיז, אוּנ וִויא עֶר הָאט דֶער זֶעהֶען דֶעם גְרוֹישִׁין תַּנָא שַׁמַאי שְׁטֵייט פַאר אִים, הָאט עֶר זִיךְ בַּאלְד פַאר אִים גִישְׁטֶעלְט ·

זָאג מִיר יוֹחָנָן ,- הָאט שַׁמַאי צוּא אִים גִיזָאגְט — קֶען אִיךְ יֶעצְט רֵיידִין מִיט דַיינֶער וֶוירְטִין ?

הַאר נָאר אֵיינֶע וַוייל, הָאט יוֹחָנָן גִיזָאגְט, מַיינֶע וֶוירְטִין הָאט מִיר גִיזָאגְט, דָאשׁ וֶוען דוּ וֶועסְט קוּמֶען זָאל אִיךְ דִיךְ בֶּעטְן, דוּ זָאלְסְט פְרִיהֶער עֶס וָואשׁ עֶסִין · דֶער נָאךְ וֶועל אִיךְ אִיר גֵיין מֶעלְדֶען פוּן דַיין קוּמֶען ·

אִיךְ וֶועל נִיט עֶסִין · אוּנ נִיט טְרִינְקֶען · הָאט שַׁמַאי גִיזָאגְט · דוּא גֵייא אוּנ גִיבּ אִיר גְלַייךְ אֵיין יְדִיעָה · דָאשׁ אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען ·

דֶער קְנֶעכְט אִיז אִיר גִיגַאנְגֶען אָן זָאגִין · אוּנ שַׁמַאי הָאט זִיךְ דֶר וַוייל גִיזֶעצְט אָפּ רוּהֶען פוּן זַיינֶע וַוייטֶע רַייזֶע · אִין דִיזֶעם צִימֶער הָאט גִיבְּרֶענְט נָאר אֵיין אֵיינְצִיגֶע דוּנְקְלֶע לִיכְט · דִי וַויילֶע וָואס שַׁמַאי אִיז גִיזֶעסִין · הָאבִּין זִיךְ הִין אוּנ צוּ רִיק גִיקֶערְט אֲלָפִים וּרְבָבוֹת גִידַאנְקֶען אִין זַיין הַארְצִין · דֶער צוּ הָאט עֶר אויךְ גִיפִירְכְּטֶעט מַאמֶער גִיפִינֶען זִיךְ אויךְ דָא דִיא שְׁפִּיאָנֶען

פוּן

פֿון הורדוס · אונ עס קען איך זיין דאס איינער גוטער פֿריינד וואס ער איז אין אים פֿאר טרויט · וועט פֿילייכט זיין גיהיימנים ווירער פֿאר זיינעס איין פֿריינד פֿאר טרויען · אונ יענער פֿריינט וועט עס אלין פֿאר דעם קיניג ענטדעקין · דאס האט אלין שמאי בערעכינט · אונ אלע זיינע אינעליבע גלידער האבין אין אים וויא איין פֿייער גיברענט · אבער וויא מונטער אונ פֿרייליך איז ער גיווארין וויא ער האט דער זעהען דאס דיא קיניגין מרים קוטט געגען אים · שמאי האט זיך פֿאר איר גישטעלט אונ מיט ערשטווינען האט ער גיבליקט אויף איר גיזיכט וועלכעס איז גאר פֿאר ענדערט גיווארין · אזוא איין שיינע ראזע האט פֿאר וועלקט אין איר בליהענדע יוגענד · — וויא דיא מרים האט אים דער זעהען · האט זיא אוים גירופֿין מיט איין אנגענעהמע אונ זאנפֿטע שטימע · וואס זאגסט דוא טייערער רבי ? וויא שלעכט מיר איז ! ווייא מרים · האט שמאי גיענטפֿערט · א דוא אום גליקליכע · איך בעדויער דיך זייער · אבער ווער זאל דיין גיפֿערליכע קראנקהייט היילין ? איין אויגען בליק איז ער גיבליבין שטיל אונ זיינע אויגין זיינען גיווארין פֿול מיט טרערין · דער נאך האט איר שמאי גיפֿרעגט מיט קאפּ שיטעלען · דוא האסט גישיקט מיך רופֿען ? איך האב צו ליב דיר פֿאר לאזין מיין הייל · אונ האב מיינע רוהע אונ מיינע שטילע וואוינונג גישטערט · אונ בין גיקומען אהער אין איינעם גיפֿערליכען ארט · וואו דער רויבפֿויגיל וויל אויסנאגען מיינע אויגין אין מיר · הייגט זאג מיר וואס דוא פֿערלאנגסט ? אונ וואס ווינשט דוא פֿון מיר ? —

וואס קען איך פֿון דיר מער פֿערלאנגען ? האט די קיניגין גיענטפֿערט ? איך פֿארלאנג פֿון דיר דוא זאלסט מיר העלפֿין

מיט

מִיט דַיין רַאט ! מַיין רַאט אִיז יֶעצְט שְׁטוּמְפְּף · הָאט אִיר שַׁמַאי גִיעֶנְטְפֶערְט · מַיינֶע גִידַאנְקֶען זַיינֶען אַלֶע דוּנְקֶעל וִויא דֶער שְׁאטִין ! מִרְיָם הָאט גִילָאזְין דֶעם קָאפּ אַרָאפּ זִינְקֶען · אַיין קַאלְטֶער שְׁוַייס הָאט אִיר בֶּעדֶעקְט אוּנ אִירֶע הֶענְט הָאבִּין גִיצִיטֶערְט · דוּא בִּיסְט דָאךְ אִין מַיין יוּגֶענְד מַיין לֶעהְרֶער אוּנ וֶועג וַוייזֶער גִיוֶועזִין · הָאט מִרְיָם צוּ אִים גִיזָאגְט · דַיינֶע רֵייד הָאבִּין אִין מִיר מוּטְה גִיפַּאסְט · דוּא הָאסְט מִיר אִימֶער גִילֶערְנְט דִיא זִיטֶע (מִדָּה) : „זָאג בֶּעסֶער צוּ וֵוייניג · אוּנ טוּא מֶערֶער · דָאס הֵייסְט ; דוּא זָאלְסְט מֶער טָאן אַלְס גִיזָאגְט ! וואו נֶעם אִיךְ יֶעצְט דִיא גוּטֶע צַייטִין וָואס זַיינֶען פַאר גַאנְגֶען ? אָ · וִויא אוּם גְלִיקְלִיךְ וִויא עֶרְשְׁרָאקִין בִּין אִיךְ יֶעצְט · דָאס אִיךְ קֶען שׁוֹין מֶער נִיט רֵיידִין · אִיךְ הָאבּ גָאר קֵיין רַאט פַאר מִיר !

וֶוען דוּא מִרְיָם הָאסְט פַאר דִיר קֵיין רַאט · הָאט שַׁמַאי גִיזָאגְט · נוּן וָואס קֶען אִיךְ דִיר הֶעלְפִין ? וֶוען דוּא הָאסְט דַיין מוּט פַאר לָארִין אוּנ בִּיסְט אִימֶער אִין שְׁרֶעק · מוּזְט דוּא וַוארְטִין בִּיז דוּא וֶועסְט מִיט פַּאסִין אוּנ וִוידֶער צוּא זִיךְ קוּמֶען · אוּנ וָוארוּם הָאסְט דוּא מִיךְ בֶּעאוּנְרוּהִיגְט ? אָבֶּער דָאךְ מַייעֶרֶע קִינִיגִין · דוּלְדֶע אֵיינֶע קְלֵיינֶע צַייט · עֶס וֶועט נָאךְ אוֹיךְ גוּט זַיין !

אָ שַׁמַאי · הָאט מִרְיָם גִיבֶּעטִין · עֶנְטְזַאג זִיךְ נִיט מִיר מִיט דַיין רַאט צוּ הֶעלְפִין · אִיךְ דֶער מָאן מִיךְ אוֹיף מַיין פָאטֶער דֶער קִינִיג פוּן יְהוּדָה · אַלְס מֶען הָאט אִים אִין אַנְטִיוֹכְיָא דֶעם קָאפּ אַרוּנְטֶער גִינוּמֶען · אִין מַיין טְרוֹים זֶעה אִיךְ אָפְט אוֹיךְ מַיין בְּרוּדֶער גִיקְלֵיידֶעט אַלְס כֹּהֵן · אוּנ עֶס שְׁטֶעלְט זִיךְ מִיר פָאר · אַלְס פַאר פְלוּכְטֶע מֶענְטְשִׁין צִיהֶען אִים אִין דֶער טִיפֶע אוּנְטֶער דֶעם וַואסֶער צוּא דֶער טְרִינְקֶען · אִיךְ זֶעה שְׁטֶענְדִיג פַאר מַיינֶע

אוֹיגִין

אויגין וויא דער קאפ פון מיין פאטער ליגט אונטער דעם שארף ריכטערס האק · זיין שייטעל ליגט בעשמוצט אין שטויב · זיין בלוט רינט וויא וואסער צוא דער ערד · זיינע דונקעלע בליקען ריכטעט ער אויף מיר · א איך בין זייער צו שראקין ! איך הער דיא לעצטע קרעכצין פון מיין ברודער אלס ער גייט ארונטער אין דער טיפע · עס קלאפט מיר אין הארצין · דיא פורכטבארע פארשטעלונג גייט מיר נאך וויא מיין שאטין ·· טאג אונ נאכט האב איך קיין רוה ׃ אונ ווייס ניט וואס צוא טאן ! איך בעט דיך ליבער לעהרער · זאג מיר וואו הין זאל איך אנטלויפען פון מיין פאטערס אויגין וועלכע בליקן אויף מיר אין יעדען ארט ? אונ וויא זאל איך מיך טרייסטין פון דעם גישרייא פון מיין ברודער ? גיב מיר איין ראט · וויא מאכט מען דאס איך זאל מער ניט הערין דיא שטימע וועלכע ברעכט מיר מיין הארץ אין שטיקער · אונ זאל אויך ניט מער זעהען דיא פירכטערליכע פאנאראמע ?

אויב נאר וועגין דעם האסט דוא מיך גירופין איך זאל צוא דיר קומען · האט איר שמאי גיזאגט · איך זאל דיך רעטין פון דיין פאנטאזיע ? ווערסט דוא ניט אויס פירין אונ דוא בלייבסט אום גליקליך · אונ ווען איך וואלט אויך וויסין וויא דיך פון דיזען צוא ראטען אונ רעטין וואלט איך דאס אויך ניט גיטאן · זייא וויסען אויב דוא ווערסט דיר ניט זוכין איין מיטיל · וויא מען זאל אום ברייננען דעם מענטשין וועלכער האט פאר גאסין דיא בלוט פון דיין פאטער · אונ אפ האקין דיא הענט פון דעם וואס האט גיהייסין דער פרינקען דיין ברודער · אויב דוא ווערסט דער צוא איין מיטיל ניט זוכין · וועלין דיזע ריינע זעלען שטענדיג צוא דיר קומען אונ וועלין דיר שרעקין · זייא וועלין דיך אלע מאל

אין

אין יעדע צייט בעאונרוהיגען · ווען דוא וועסט זיצין בייא דיין קעניגס מיש · אונ אויך ווען דוא ווערסט זיך לייגין אויף דעם עלפאנמביינענעם בעט פון דעם אדומי · אויב דוא ווילסט נצול ווערין פון דיזע פאנטאזיע · פרעג ראט בייא דיין גראספאטער הורקנוס · ער וועט דיך לערנען וויא צוא קומין דיא הענט פון איין ברודער מערדער ·

א רבי ! האט מרים אויס גישריען · רייד מיט מיר ניט אזעלכע זאכין !

הער צוא מרים ! זאגט שמאי צוא איהר · איך בין פון מיין שפילען ארט צוא דיר גינאנגען · מיינע פיס האבין זיך פיל מאל אן גישטויסין אן שטיינער · איך האב גימוזט זוכין פאר מיר פינצטערע גאנגען אונ זייטיגע וועגין צוא דיר צוא קומען · אויב נור פון דיזעם וועגין האסט דוא מיך גירופין אוועק צוא שאפען דיין פאנטאזיע אונ דיינע דמיונות וועלכע בעאונרוהיגן דיך · אוועק צוא שאפין דיין קומער דוא זאלסט דיך קענען צירען אויס פוצען אונ פערגניגען האבין · זאלסט דוא מיך בעסער לאזין צוא רוא · אונ דוא זאלסט פון מיר קיין עצה פרעגין ; איך בין גרייז אונ אלט · ערמ'דעט פון פיל אונגליקען וואס מיך האט גיטראפיז אין מיין לעבין · איך וויל מיר בעסער גיין צוא ריק אויף מיין ארט · אין מיין וואונונג וואס איך האב מיר דארט אין הויכען פעלזין ·

א ווייא · וויא דיא מאנסלייטע האבן שטיינערנע הערצער · האט מרים מיט ווייגען אויס גיבראכין · מיט זייער מאכט אונ קראפט ציהען זייא דיא הארץ פון דיא שוואכע פרויענצימער אין איינעם גרויסען שטראם ; אונ וויא זייא זעהען דאס זיא טרינקט זיך לאכין זיי פון איר אונגליק · זיא בעט זייא אום הילפע אונ

זייא

זֵייא הָעלְפִין אִיר נִיט — זָאג רֶבִּי וָואס דֶען הָאסְט דוּא גִימֵיינְט פוּן מִיר צוּא הֶערִין ?

אַלְס אִיךְ בִּין מִיר גִיזֶעסִין רוּהִיג אוּנ אַלֵיין · הָאבּ אִיךְ גָאר נִיט גִימֵיינְט פוּן דִיר צוּא הֶערִין · נוּר יֶעצְט וִויא דוּא הָאסְט מִיךְ גִירוּפִין הָאבּ אִיךְ גִיהָאפְט צוּ הֶערִין וָואס דוּא וֶועסְט מִיךְ פְּרֶעגִין · נוּן יֶעצְט פַאר זִיכֶער מִיר וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר פְּרִיֶער גִיזָאגְט · רֵייוּ · אוּנ הַאלְט וָוארְט ; אִיךְ זָאג דִיר דוּ בִּיסְט אַיין אוּנְגְלִיקְלִיכֶע פְּרוֹיא · אֵיינֶע פְּרוֹיא וֶועלְכֶע דִיא שְׁוֶוערְד פוּן אִיר מַאן הָאט אוּם גִיבְּרַאכְט אִיר פָאטֶערְס פַאמִילְיֶע אִין גַאנְצִין אִיר נָאמֶען אוּנ אִיר עֶהְרֶע אִיז בַּאיי אִים פַאר נִיכְטְס גִירֶעכִינְט · אִיר פָאלְק אוּנ אִיר רֶעלִיגְיָאן זֵיינֶען צוּ שְׁפָּאט · אַרוּם אִיר זַיינֶען הֲרוּגִים · פוּן אִיר רֶעכְטֶע הַאנְט לִיגִין אִירֶע לִיבֶּע עֶלְטֶערִין אוּמְגִיוָועלְצְט אִין זֵייעֶר בְּלוּט · אוּנ פוּן אִיר לִינְקֶע זַייט לִיגְט אִיר דֶער טְרוּנְקֶענֶער בְּרוּדֶער · אוּנ אִיר גַאנְצֶע פָאלְק לִיגִין גִיטְרָאטִין צוּא דֶער עֶרְד · קוֹים וָואס עֶר רֶעט · מִיר אַלֶע זַיינֶען פַאר קוֹיפְטֶע פָאדַאנֶעס · אוּנ אַלֶע אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגְקֵייט אִיז צוּא שַׁאנְדֶע גִיוָוארִין · הַיינְט פַאר שְׁמַייא דוּא מִרְיָם וָואס אִיךְ פַאר לַאנְג פוּן דִיר ? אוּנ וָואס הָאף אִיךְ פוּן דִיר צוּ הֶערִין ? — אָבֶּער פַאר גֶעם נִיט רֶבִּי דָאס עֶר אִיז מַיין מַאן אוּנ דֶער פָאטֶער פוּן מַיינֶע קִינְדֶער ? שַׁמַאי הָאט אֵיינִיגֶע מִינוּט גִישְׁווִיגִין · דֶער נָאךְ הָאט עֶר אִין דֶער שְׁטִיל גִיזָאגְט זִיא קֶען גָאר אִיר מַאן · זִיא וֵייס נִיט דָאס עֶר וֶועט נָאךְ אַמָאל אִיבֶּער גֶעבִּין אִירֶע לִיבֶּע קִינְדֶער צוּם שְׁלַאכְט · אוּנ וָועט נָאךְ אִיר אַלֵיין אוֹיךְ צוּם טוֹיט פֶערְאוּרְטֵיילֶען · וִויא מִרְיָם הָאט עֶס דֶער הֶערְט · הָאט זִיא יֶעמֶערְלִיךְ גִישְׁרִיעֶן · אָ וֵוייא אִיז מִיר ! וָואס רֶעטְסְט דוּא רֶבִּי ? — אִיךְ וֵייד גָאר נִיט · לִיבֶּע קִינִיגִין · נָאר אִיךְ בֶּעט דִיךְ לָאז מִיךְ רוּהֶען · אוּנ הֶער אוֹיף בַּיי מִיר דָאס צוּ פְּרֶעגִין ·

דוּא

דוּא זָאגְסְט דָאךְ דָאס עֶר וֶועט זַיינֶע קִינְדֶער צוּא שְׁלַאכְט גֶעבִּין · אוּנ מִיךְ אַלֵיין וֶועט עֶר אוֹיךְ אוּם לֶעבִּין בְּרֵיינְגֶען ? דָאס עֶר זָאל מִיךְ אוּם מַיין לֶעבִּין בְּרֵיינְגֶען קֶען אִיךְ דִיר פִילַייכְט צוּא גֶעבִּין · אָבֶער מַיינֶע קִינְדֶער זַיינֶען דָאךְ אוֹיךְ זַיינֶע ? עֶס אִיז נִיט אַנְדֶערְשׁ · נוּר דוּא מוּזְט עֶטְוָואס וִויסִין פוּן אִים · אִיךְ בֶּעט דִיךְ דָאס דוּא זָאלְסְט מִיר זָאגִין · הֶער אוֹיף מִרְיָם פוּן דֶעם צוּ רֵיידִין · דֶען אִיךְ וֶועל דִיר גָאר נִיט זָאגִין · כְּדֵי דוּא זָאלְסְט שְׁפֶּעטֶער נִיט זָאגִין : שַׁמַּאי הָאט אִין מִיר גִילָאזִין גְלִיהֶען דִיא פוּנְקֶען פוּן נְקָמָה · זַאיי וִויסִין קֵינִיגִין · אוֹיבּ דוּא וֶועסְט פוּן זִיךְ וֶעלְבְּסְט נִיט אוֹיף גִירִירְט וֶוערִין · דַאן בְּלַייבְּסְט דוּא אוֹיף אֵייבִּיג פַאר לָארִין !

מִרְיָם אִיז צוּא גִינַאנְגֶען צוּ שַׁמַּאי · זִיא הָאט אִים אָן גִיגְרִיפִין פַאר זַיין הַאנְט · אוּנ הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט · פִילַייכְט הָאסְט דוּא עֶטְוָואס גִיהֶערְט דָאס דִיזֶער מִירַאן דֵיינְקְט בֵּייז אוֹיף מַיינֶע צְוֵוייא קִינְדֶער ? אִיךְ בֶּעשְׁוֶוער דִיךְ בַּייא דֶעם נָאמֶען פוּן גָאט דָאס דוּא מוּזְט עֶס מִיר זָאגִין ׃

בְּלַייבּ רוּהִיג מִרְיָם אוּנ שְׁוַוייג ! הָאט אִיר שַׁמַּאי גִיעֶנְטְפֶערְט אִיךְ הָאבּ גָאר נִיט גִיהֶערְט · נָאר אִיךְ הָאבּ פַאר שְׁטַאנֶען פוּן הוֹרְדוֹס פִּירוּנְג נָאךְ בְּשַׁעַת עֶר הָאט בֶּעשְׁטִינְן דֶעם טְרָאן פוּן יְהוּדָה · הָאבּ אִיךְ נָאךְ דַאמָאלְס בַּייא מִיר גִיטְרַאכְט · דָאס עֶר וֶועט זִיךְ בֶּעשְׁלִיסִין אַמָאל דִיךְ פוּן דֶער וֶועלְט אוּם צוּ בְּרֵיינְגֶען · אוּנ אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער וֶועט עֶר אוֹיךְ קֵיין רַחֲמָנוּת הָאבִּין · וַוייל וִוי שַׁארְפֶע שְׁטֵיינֶער שְׁטֵייט אִיר אִים אַלֶע אִין וֶועג · אוּנ אַזוֹ וֶועט פַאלִין דִיא עֶנְדֶע פוּן דֶער זַאךְ · מִרְיָם אִיז פַאר צִיטֶערְט גִיוָוארִין פוּן זַיינֶע רֵייד · אוּנ הָאט גִיזָאגְט · וֶוען דוּא זָאגְסְט עֶס פוּן דַיין אֵיינְגֶעוֵוי[illegible] עֶס נַארִישְׁקַייט · וַוייל דוּא וֵוייסְט נִיט וִויא עֶר [illegible] לִיבּ ; שַׁמַּאי הָאט גִישָׁאקִילְט מִיט דֶעם קָאפּ אוּנ הָאט

גיזאגט

גיזאגט: יא איך ווייס דאס ער האט דיך זייער ליב · אבער
שטיינס גיזאגט · וואס דוא קענסט אים שוין מיט דיין ליבשאפט
אויס שטראסען · איך ווייס גאר איינע זאכע · ווען מען זאל נאר
איין טראפען גיפט אריין גיטאן אין איינע גרויסע פלאשע וויין ·
דאן טוט דיא גאנצע פלאשע וויין אין גיפט פערוואנדעלט ווערין ·
אזוי איז אויך די ליבשאפט ווען זיא פאלט אריין אין דעם הערצען
פון איין טיראן ווערט זיא אין פיינדשאפט פערוואנדעלט · אונ זיא
שמעקט צום ענדע מיט דעם טויט — אונ מרים איז גיוועסין אונ
האט געציטערט — דוא ווייסט מרים · זאגט שמאי · דאס דיינע
וואהנונג איז ביי דעם קעניג אין זיין פאלאץ · אונ לעבן דיר וואהנט
אויך זיינע שוועסטער שלומית · וועלכע האט גישווארין דיך פון
דער וועלט צו ברענגען? האסט דוא פערגעסען · אז דורים דיא
ערשטע פרוי פון הורדוס וועלכע ער האט זיא צו ליב דיר פאר
טריבען אונ ער האט פאר איר גינעבין איין ארט ביי יענער
זייטע פון ירדן · האסט דוא פערגעסען · דאס זיא איז אויך אויסען
אויף דיין לעבען? זיא שפירט אלע דיינע טריט · אונ זיא ווייס
פון אלעס וואס ביי דיר טוט זיך? נאך ווייסט דוא ניכט דאס
דער שרעקליכער טייפעל אנטיפאטור דער זון פון דורים · וועט
מיט דער צייט ציען דיינע קינדער אין זיין נעץ אונ ער וועט
זייא פאר פירין? איך האב עס אים גוט איין גיזעהען פון מיר איז
קיין זאך פאר בארגין · אונ איך ווייס פון אלעס! מרים איז גיוועסין
שטיל אויף דעם דיוואן אונ האט מיט אירע הענד פאר בארגין איר
געזיכט ווייל זיא האט געוויינט · נאכהער האט [illegible] גיזאגט · איך
בין ווירקליך אונ פערשטענדיג אונ ווייס ווירקלי[illegible]
זאל טאן · איך בעט דיר גיב מיר איין עצה!
מרים! האט אויס גירופין דר אלטער · אלע מיינע ווערטער

זיינֶען גֶעצֵיילְט אונ גֶעוָואגֶען ׳ נון וָוען דוּא וָועסְט זֶעהֶען אונ עֶרְפַאהְרֶען דָאס אִיךְ הָאבּ אַלְס רִיכְטִיג גִיזָאגְט ׳ אונ דוּא וָועסְט בַּיי זִיךְ בֶּעשְׁלִיסֶען מִיךְ צוּ רוּפֶן אויף דָאשׁ גֶעוִויסֶע ׳ דֶענְמָאהְל וֶועל אִיךְ דִיר אַנְטְוָוארְטִין ׳ אונ נָאךְ אֵיידֶער דוּא וָועסְט פְרֶעגִין מַיין רַאטְהֶה ׳ וָועסְט דוּא זִיא שׁוין הָאבֶּען פַארְטִיג ׳ נַאר יֶעצְט עֶרְלוֹיבֶּע מִיךְ צוּ רִיק גְאךְ מַיינֶעם הוֹיזֶע צוּ גֵיין ׳ אִיךְ וֵויים דָאס אִיךְ וֶועל נָאךְ אַמָאל קוּמֶען צוּא דִיר ׳ אונ גְאר אויךְ אוּנְגֶעזַאמְט ; אִין דֶעם צֵייכֶען הָאסְט דוּא ׳ דָאס דַיין גְרָאסְפָאטֶער הוֹרְקַנוֹס ׳ וָועט בַּאלְד קוּמֶען צוּ דִיר ׳ מִרְיָם הָאט אָנְגֶעהוֹיבִּין צוּ שְׁרַייעֶן ׳ אָה ׳ מַיין פָאטֶער ׳ מַיין פָאטֶער ! אָבֶּער שַׁמַאי הָאט זִיךְ בַּאלְד הֶערוֹיס גֶעמַאכְט אונ אִיז פוּן אִירֶע אוֹיגִין פַאר שְׁוואוּנְדֶען גִיוָוארִין ׳ אונ דוּרְךְ דִיא הֵיילֶען פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד אִיז עֶר גִינַאנְגֶען צוּ רִיק אויף זַיין אָרְט ׳ —

פִיעֶרְטֶער קאפִּיטעל

אִין דֶער שְׁטְרַאסֶע וֶועלְכֶע הֵייסְט (נאךְ דֶעם נָאמֶען פוּן אַשְׁטָאדְט) בֵּית צַיְדָה ׳ אִיז גִישְׁטַאנֶען אַקְלֵיינֶע הַייזִיל צְווִישִׁין גְרוֹיסֶע פְּרַאכְטִיגֶע הַייזֶער ׳ דִיא טִיר מִיט אַיין פֶענְסְטֶער פוּן דִיזֶעם הַייזִיל קוּמֶען אַרוֹיס צוּם גַאס ; אִין דִיזֶעם הַייזִיל הָאט גֶעוְואהְנְט בֶּן בָּבָא מִיט זַיינֶע מוּטֶער ׳ עֶר וַואר אַלְס פֶערְצִיג יָאר אַלְט ׳ דָאס גֶעשְׁטַאלְט פוּן זַיין גֶעזִיכְט אִיז שְׁוַוארְץ ׳ זַיינֶע הָאר זַיינֶען גֶעלְבּ ׳ זַיינֶע אוֹיגִין זַיינֶען גִיוָועזִין שְׁוַוארְצֶע אונ הָאבִּין גֶעצֵייגְט אויף אִיהְם מַאנְן מִיט קְרַאפְט אונ הֶעלְדֶענְמוּטְה ׳ דִיזֶער מַאן וַואר אַיין לֵוִי ׳ דְרוּם פְלֶעגְט עֶר אָפְט זִיצֶען אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ נַאר וָוען אִים אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבִּין צַייט ׳ הָאט עֶר זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט זַיין אַרְבַּייט ׳ ווייל עֶר אִיז גִיוָועזִין אַיין וֶועבֶּער אונ אַיין

העפטער

העפטער · פון דיזע ארבייט האט ער זיך מיט ויינע מוטער גישפייזט : ער איז גיוועזין אויך איין אייניגער אין דעם הויז פון דער קעניגין מרים · ער פלעגט פאר איר וועבען אונ העפטען בלאהע אונ פורפורנע טעפיכע נאך אירעם גוסט אונ גייסט · דיזער וועבער האט ביים דער קעניגין גרוים חן גיהאט · דאס ער פלעגט צו איר שטענדיג ארויין גיין אן ארעקלאר · עס האט גיטראפין איין מאל דאס בן בבא איז נאך ויינעם הויזע גיקומען · אונ האט זיך בעגעבין צו זיינע ארבייט · ער האט זיך צום וועבין גיזעצט · אבער ער האט זיין טיר פערשלאסען דאמיט דאס אויך זיינע מוטער זאל ניט וויסען פון דיזע ארבייט ; דיזער בן בבא איז גיוועזין ביים איר נאר איין איינציגער זון · זיא האט אים גיהאלטין טייער ווי די שווארצאפפעל פון אויג · איר מאן איז גיפאלין אין שלאכט אלס דיא גריכען האבין בעלאגערט ירושלים · אלס בן בבא האט זיך בעשעפטיגט מיט זיין ארבייט · האט ער פלוצלונג דער הערט · ווי עס רוישט די שטאדט · איינע פירכטליכע שטימע פון אנרוסין פעבייל מיט מוזיק קומען אן דען הורדוס איז צו ריק פון אנטוניא נאך ירושלים גיקומען · ער קוכט אן מיט איין גרוים פאראד זיינע הערען אונ גרויספירסטען זיינען אלע ארום אים · דר ביי שטייט אויך איין גרויסע פערזאמלונג פון דעם פאלק אונ זעהען עס צו · דיא קעניגין מרים האט גערימען אויף איינעם טייערן פערד ביים דער זייטע פון איר מאן הורדוס · אונ צו אירע עהרע האבין דאס פאלק מיט איינע פריידען שטימע אלע אוים געשריהען אורא ! — בן בבא האט ווען געלייגט זיינע ארבייט אונ איז גנאנגען זעהען אונ אלס ער האט גיזעהען דיא קעניגין פון ווייטען · איז ער זיך גישטאנען רוהיג אונ שטיל פאר דער טיר פון זיין הויז · ווייא זייא זיינען גיקומען נאהענט צום שטראסע האט מען צו דער עהרע

פון מִרְיָם · פון אַיין אויבֶערְשְׁטֶען בַאלְקָאן אַרָאפּ גִיוָוארְפִין אַיין
קְרַאנְץ בְּלוּמֶען · אונ עֶס אִיז גִיפַאלִין פַאר בַּיי דֶעם פֶערְד וָואס
מִרְיָם הָאט אויף אִים גֶערִיטִין · דִיא קֶענִיגִין הָאט זִיךְ עֶרְשְׁרָאקֶען
אונ הָאט זַיינֶע לַייצֶען פְרַייא גִילָאזִין · דֶער פֶערְד הָאט זִיךְ
פֶערְוִוילְדֶערְט · עֶר הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט דוּבְּאם אויף דִיא
הִינְטֶערְסְטֶע פִּיס · אונ הָאט זִיךְ גִילָאזִין לויפֶען · דָאס גַאנְצֶע
פָאלְק הָאבֶּען פון שְׁרֶעק אָן גִיפַאנְגֶען צוּ שְׁרַייעֶן · אונ פון דֶעם
גֶעשְׁרֵייא הָאט זִיךְ דֶער פֶערְד מֶעהר גֶעשְׁרָאקֶען · אונ אִיז נָאךְ
שְׁטַארְקֶער גִילָאפִין · מִרְיָם הָאט אַנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אַלֶע אִירֶע קְרֶעפְטִין
אונ הָאט זִיךְ אָן דִי לַייצֶן פֶעסְט גִיהַאלְטִין דָאס זִיא זָאל צוּ דֶר עֶרְד
נִיט פַאלֶען · הוֹרְדוֹס מִיט זַיינֶע פְרַיינְדֶע זַיינֶען גִילָאפִין נָאךְ דֶעם
פֶערְד אָפּ צוּ הַאלְטִין · אָבֶער זֵיי הָאבִּין אִים נִיט גִיגְרֵייכְט · מִרְיָם
הָאט גִישְׁוָועבְּט אִין דִי לוּפְט · אונ הָאט גִישְׁטֶעקְט מִיט דֶעם טוֹיט
א נַקֵיינֶער הָאט זִיךְ גֶעוַואגְט אַיין צוּ שְׁטֶעלִין זַיין לֶעבִּין אוּם אִיר
מַצִיל זַיין · בֶּן בָּבָא אָבֶער הָאט שְׁנֶעל אויס גֶערִיסֶען דִיא מִיר
פון זַיין הויז · אונ הָאט פֶערְצַאמְט דִיא גַאסֶע · אונ הָאט דֶעם
פֶערְד פון לויפֶען אָפּ גִיהַאלְטִין · אונ דִי מִרְיָם הָאט עֶר מִיט דֶער
הַאנְד צוּ גִיהַאלְטִין דָאס זִיא זָאל נִיט פַאלֶען · בַּאלְד הָאט דֶער
פֶערְד גֶעקְנִיט אונ אִיז גִיפַאלֶען צוּ דֶער עֶרְד וַוייל עֶר אִיז גִיוֶוען
זֵייעֶר עֶרְמִידֶעט · בֶּן בָּבָא הָאט דֶער מִרְיָם אַבְּגֶעשְׁפִּילֶעט אונ
הָאט לויז גִימַאכְט אִירֶע קְלֵיידֶער · ווייל אִיר הֶערְץ הָאט זֵייעֶר
גֶעפָּאכְט · אונ זִיא אִיז אִין אוּנְמַאכְט גֶעבְּלִיבֶּען · אונ אַלְס דֶער
קֶענִיג מִיט זַיינֶע פְרַיינְדֶע זַיינֶען גֶעקוּמֶען · אונ עֶר הָאט גִיזֶעהֶען
דָאס בֶּן בָּבָא בֶּעשֶׁעפְטִיגְט זִיךְ מִיט מִרְיָם · הָאט עֶס אִים זֵייעֶר
שְׁטַארְק פֶערְדְרָאסֶען · אונ אִיז גְלַייךְ אַרוּנְטֶער גֶעשְׁטִיגֶען פון
זַיינֶעם פֶערְד · אונ הָאט בֶּעפָאלֶען · דָאס מֶען זָאל אִיר וֶועג טְרָאגֶן

אין

אין איין בעטיל נאך איר הויזע אונ דעם בן בבא האט ער מיט שנאה פון איר וועג געשטויסען · פריים האט אירע אויגין גיעפינט אונ האט גיזעהען דאס איר מאן קוסט איר אויף דעם מויל · האט זיא איהם גיפרעגט · וואו איז מיין רעטער בן־בבא ? האט איר דר קיניג ניט גזאגט ביז מען האט איר אין איר שלאס גבראכט :

דער בן בבא איז מיט קומערליכעם הערצען נאך הויזע גיגאנגן · ווייל דער קעניג האט אים מיט האס פון דער קעניגין אפ גישטויסין · באלד וויא ער גיקומען אין זיינעם צימער האט ער פערשלאסען די טיר אונ איז נידרגענד גינאנגען · וועלבסט פאר זיינע מוטער האט אויך דיא טיר ניט גיעפינט · נענע אבינד האט ער גיהערט דאס מען קלאפט אין זיין טיר · זייניע מוטער האט אים גירופין אז ער זאל עפנען · אבער ער האט גיטאן זיין זאך · אונ האט ניט גיענטפערט · אבער וויא מען האט אן גיפאנגין רעכט שטארק צו קלאפין · האט די אלטע בעקומען איין שליסיל אונ האט די טיר גיעפינט · זיא האט די לייט ערקענט אז זיי זיינן פון קעניגליכען הויף · זייא האבין איר גיזאגט אז דער קעניג ברויכט נייטיג צו האבין איר זון · ווי בן בבא האט עס דר הערט · האט ער גיעפינט די טיר פון זיין צימער · אונ איז צו זיי אויס גיגאנגין · צו ערשט האבין זייא אים גידאנקט אין קעניגס נאמען פאר וואס ער האט דעם לעבען פון דער קעניגין · פון אונגליק גערעטעט · אויך האבין צו אים גיזאגט דאס דער קעניג האט זיי בעפאהלען צו בריינגען דעם רעטער פון זיין פרוי צוא אים אין זיין פאלאץ ; זייא האבין דעם בן בבא געפירט אין דער מיטערנאכט צום קיניג אין שלאס · נאר צוויי אדער דרייא דראגאנער האבין זיך אין זיין הויז אפ גישטעלט · זיין מוטער האבין זייא אין זיין צימער פאר שלאסין · אונ האבין איינע אונטערזוכונג גימאכט · אבער זייא

האבין

הָאבִּין נִיט גִיפוּנֶען · אַלְס זַיי הָאבִּין גִיזוּכְט אוּנְטֶער דֶעם מַאטַארַאץ וָואס עֶר אִיז אוֹיף אִים גִיזֶעסִין צוּ זַיין אַרְבַּייט · הָאבִּין זַיי גִיפוּנֶען אַיין קַאסְטֶעל מִיט פֶערְשְׁרִיבֶּענֶע פַּאפִּירֶען · אוּנ הָאבִּין עֶס גִינוּמֶען מִיט דֶעם וָועבּ וֶועלְכֶען עֶר הָאט אָן גִיפַאנְגֶען צוּ וֶועבֶּען · אוּנ זַיינֶען מִיט דִיזֶעס אַלֶעס פָּארְט גִיגַאנְגֶען · דִי מוּטֶער פוּן בָּן בָּבָא אִיז אַלֵיין גֶעבְּלִיבֶּען — אִיבֶּער דִיזֶע גֶעשִׁיכְטֶע הָאט זִיא אַזוֹ לַאנְג גִיטְרַאכְט · בִּיז זִיא הָאט אַייְנְגֶעשְׁלָאפִין · דָאס לִיכְט פוּן אִיר צֶעלְט · הָאט זִיךְ גְלַייךְ מִיט דִי לִיכְט פוּן אִיר לֶעבִּין אוֹיס גִילָאשִׁין · אוּנ זִי אִיז בַּאלְד גֶעשְׁטָארְבִּין · —

אַלְס דֶער קֶינִיג אִיז צוּ הוֹיז גִיקוּמֶען · הָאט עֶר נָאךְ גִפְרֶעגְט אוֹיף דֶעם מַאן וֶועלְכֶער הָאט זִיךְ אִין גִיפַאהְר גִישְׁטֶעלְט · דִיא קֶענִיגִין צוּ רֶעטֶען זַיינֶע קִנֶעכְטֶע הָאבִּין אִים גִיזָאגְט אַז עֶר אִיז דֶער בָּן בָּבָא וֶועלְכֶער לִיבְּט דִיא יוּדִישֶׁע גִילֶערְטֶע אוּנ דִי כֹּהֲנִים · אוּנ פַּאר דִי פַאמִילְיֶע פוּן דִי חַשְׁמוֹנָאִים וָואלְט עֶר אוֹיף אָפְּפֶערִין זַיין לֶעבֶּען ; עֶר אִיז אוֹיךְ אַיין וֶועבֶּער אוּנ הֶעסְטֶער בַּיי דִי קֶינִיגִין ; דִיזֶע וֶוערְטֶער הָאבִּין אִין זַיין הֶערְצֶען אַייפֶערְזוּכְט דֶר וֶועקְט · אָבֶּער וִויא דֶער בָּבָא אִיז גִיקוּמֶען · הָאט עֶר זַיין פַאר דְרוּס אִין הַארְצִין פַאר בָּארְגִין · אוּנ הָאט אִים מִיט פְרַיינְדְלִיכֶעס גִיזִיכְט גִידַאנְקְט · עֶר הָאט צוּ אִים אַזוֹ גִיזָאגְט : דוּא בָּן בָּבָא ! דֶר רֶעטֶער פוּן מַיין גֶעלִיבְּטֶע פְרוֹי · מִיט וָואס זָאל אִיךְ דִיר בַּאצָאלִין פַאר דִיא גוּטֶעס וָואש דוּ הָאסְט מִיט מִיר גִיטָאן ? דֶען אַלְס דוּא הָאסְט אִיר לֶעבֶּען גִירֶעטֶעט · דַאן הָאסְט דוּא אוֹיךְ גִירֶעטֶעט מַיין לֶעבֶּען · ווייל מַיין לֶעבֶּע אִיז פוּן אִיר לֶעבֶּען אָבְּהֶענְגִיג ! בָּן בָּבָא הָאט זִיךְ גֶענֵייגְט · אוּנ הָאט גִיזָאגְט : וֶוען דָאס פָאלְק הָאבֶּען גִירֶעטֶעט דִיא קֶענִיגִין הָאבֶּען זַייא דֶען גִיטָאן מֶער אַלְס זַייעֶר שׁוּלְדִיגְקַייט ? מִיר קוּמְט קֵיין דַאנְק דַאפִיר ·

שטיל

שְׁטִיל דוא נַאר · זָאג גִיט · דָאס פָאלְק · וַייא הָאבִּין צוּ
רַייצְט דָעם פָערְד · אונ הָאבִּין מַיינֶע פְרויא אִיבֶּער גִישְׁרָאקִין · דוּ
בִּיסְט צוּ דָעם פָאלְק נִיט גְלַייךְ !

קֶענִיגְלִיכֶע מַייסְטֶעט ! אִיךְ בִּין אויךְ גְלַייךְ וִויא אֵיינֶער
פוּן דָעם פָאלְק !

גֵיין : בֶּן בָּבָא · הָאט דֶער קֶענִיג גִיזָאגְט · דוּא בִּיסְט
אַרוּים וִויא אַיין הֶעלְד · וואוּ הָאט זִיךְ אִין דִיר גִינוּמֶען דִיא
גְבוּרָה אוּים צוּא רַייסֶען דִיא טִיר אונ פַאר שְׁטֶעלִין דִיא וֶועג פַאר
דֶעם פֶערְד ? אונ וִויא אַזוּיא הָאסְט דוּא בֶּעקוּמֶען מוּט
צוּ הַאלְטֶען מִיט דַיינֶער הַאנְד דִי קֶענִיגִין · אונ צוּ לויפֶען שְׁ[illegible]ֶער
צוּ הָעלְפִין דִי פְרוֹי דַיין קֶענִיגִים ?

גָאט אִין הִימֶל אִיז מִיר צוּ הִילְפֶע בַּייא גִישְׁטַאנֶען · הָאט
אִים בֶּן בָּבָא גִיעֶנְטְפֶערְט · עֶר שִׁיקְט אִימֶער אִין אוּנְגְלִיק הִילְפֶע ·
עֶר מַאכְט לויז דֶעם גֶעפַאנְגֶענֶעם · אונ עֶר עֶרְלַייזְט אויךְ דֶעם
אוּנְטֶער דְרִיקְטִין אוֹים דֶער הַאנְד פוּן זַיינֶעם פַיינְד ! — הוֹרְדוֹס
גֶעזִיכְט אִיז גִיוָוארִין רוֹיט — וֶוער קֶען עֶס שְׁטֵיין פוּן וַוייטִין צוּ
זֶעהֶען וִויא דִי קֶענִיגִין שְׁוֶועבְּט אִין סַכָּנָה אונ זָאל נִיט אָפְּפֶערִין
זַיין לֶעבֶּען אִיר צוּ רֶעטֶען ? דֶער לִיבֶּער גָאט הָאט מִיךְ גֶערוּפֶען
דִיזֶע אוּנְשׁוּלְדִיג צוּ רֶעטֶען פוּן טוֹיט · אונ אִיךְ הָאבּ דֶעם לִיבֶּען
גָאט דֶער פַאר גֶעדַאנְקְט ·

אָבֶּער זָאג מִיר · בֶּן בָּבָא מִיט וָואס זָאל אִיךְ דִיר דֶער
פַאר בַּצָאלִין ? הֶער נָאר צוּ · אִיךְ וִויל דִיךְ מַאכִין צוּ אַיין שַׂר
אֶלֶף וַוייל דוּא בִּיסְט אַיין הֶעלְד ! בֶּן בָּבָא הָאט גֶעווּיכֶען צוּ רִיק ·
אונ הָאט גִיזָאגְט : קֶענִיגְלִיכֶע מַייסְטֶעט ! אִיךְ בִּין אַיין לֵוִי ! נוּא
וָואס אִיז דֶען ? הָאט הוֹרְדוֹס גִיעֶנְטְפֶערְט · עֶס זַיינֶען דָא פִיל לְוִיִים
אָן דִיר וֶועלְכֶע זָאגִין וַואכֶען אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ · אָבֶּער אַזֶעלְכֶע
העלרען

העלדען וויא דוא ביסט גיבין גאר ווייניג · ווען דיא קעניגין וועט
דיר זעהען אין גאלד אונ בלאהע געוואנד פראכטיג געקליידעט
וועט זיא זיך פרייען · אונ וועט געוויס פערגעניגען האבין ·

בן בבא דר האט רעכט פר שטאנען אז הורדוס איז אשפיאן
אונ ער מיינט עטוואס צו שעפען פון זיינעם טיפין הארצין ·
האט ער גיענטפערט ניין קעניגליכע מייסטעט : דאס קען איך
ניט אן נעמען !

וויא הייסט עס איך קען ניט אן נעמען? האט הורדוס
גיענטפערט · נאר זאל זיין אויב דוא ווילסט ניט דינגען אונטער
מיינע מיליטער · וועסטו דינען אין דעם שלאס פון די קיניגין · ווייל
איך זע אז דו ביסט איר טרייא · בן בבא איז גיווארין רויט · זיין
בלוט האט אים וויא איין קעסיל גיזאדען · ער איז גצוואונגן גיוועזן
דא אויך צו זאגן ניין · אבער זיינע ווערטר זיינן אים אפ גשטארבן
ער האט מער ניט אלס איין זיפץ גגעבין · — אין דעם אויגענבליק
איז גיקימן דר דראנגער וואס האט דעם הויז פון בן בבא אונטער
זובט · אונ האט גיוואונקן צים קיניג · דר קיניג האט זיך גיקערט
צו בן בבא אונ האט צו אים גיזאגט בלייב דא אין איין צימער זיצין
ביז מארגין · אונ דו זאלסט מארגין מיר געבין ריכטיגע אנטווארט ·
ער האט גיוואלט בעטין דעם קיניג דאס ער זאל אים ערלויבין צו
הויז גיין · אבער דער קעניג האט גיהייסט וועג צוא גיין · דיא
בעדינטע פון קעניג האבין דעם בן בבא אין איין צימער גיבראכט
אונ מען האט איבער אים גישטעלט איין וואך · וויא בן בבא איז
ארויס גיגאנגין · האט זיך אויף גיהויבין איין פארהאנג · אונ איינע
פרויי איז ארייין גיקומען · אונ האט גיזאגט מיט גרויס לארים : נוא
הורדוס · האב איך גיזאגט ריכטיג ? — אונ וואס האט מרים
גיוואלט טאן געגען אזו איין פיינעם מאן ? האט איר הורדוס

גיענטפערט

גִיעֶנְטְפֶּערְט · הָאט דִיא פְרויא ווידער גיזאגט : וויא קענסטו דיך אַיין רֵיידִין · אַז אַיין מֶענְש זָאל זִיךְ וואגען זַיינע אויגין אויף הויבין צוא דער קִינִיגִין אָן אִינְטֶערֶעסֶע ? עֶר אִיז דָאךְ אִיר וֶועבֶּער אונ הָאט אַיין שֵׁיין גִישְׁטַאלְט · נון לִיבְּט זִי אִים · גיי דו בֵּייזֶע שְׁלַאנְג פּוּרְט פון הִיר הָאט הוֹרְדוס גִיזָאגְט אונ אִיז גִיגַאנְגֶען זַיין וֶועג · דִיזֶע בֵּייזֶע פְרוי אִיז גִיוֶועזִין שְׁלוֹמִית דִי שְׁוֶועסְטֶער פון הוֹרְדוס ·

פינפטער קאפיטעל

הוֹרְדוס אִיז גִיזֶעסִין פֶערְבֶּארְגִ׳ן אִין זַיין צִימֶער · אִין דֶעם צִימֶער זַיינֶען מֶער נִיט גִיוֶועזִין אַלְס נָאר אַלְמֶערְס אָן גִישְׁטֶעלְט · וֶועלְכֶע דָארְט זַיינֶען גִילֶעגִין זַאקֶענֶע בִּיכֶער פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער · דֶער קֶענִיג הָאט אִין זַיי שְׁטֶענְדִיג גִילֶעזִין · אִין אַיין הַאנְד הָאט עֶר גִיהַאלְטִין דִי פַּאפִּירֶען פוּן דֶר אַיְכִיוְ · אונ דִי אַנְדֶערֶע הַאנְד הָאט גֶעשְׁטִיצְט זַיין קָאפּ · אונ הָאט מִיט אַצוּבְּרָאכֶענֶעם מִיט נָאךְ גִידֵיינְקְט׳ דֶעם הוֹרְדוס הָאט זִיךְ גִיוָאלְט פון אִים אַרוּנְטֶער וַוארְפִין דֶעם יָאךְ פון דִי רוֹימֶער · אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ בֶּעטְרַאכְט אַז עֶס אִיז אִים אוּנְמֶעגְלִיךְ · ווייל דִיא רוֹימֶער זַיינֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק אונ קְלוּג · דֶער צוּ זַיינֶען אִים זַיין אַיינֶענֶע פָאלְק נִיט טְרַייא אונ זַיי זַיינֶען מִיט אִים נִיט גַאנְץ ·

אַזוֹ אִיז הוֹרְדוס גִיזֶעסִין · אונ הָאט נָאר וֶועלְכֶע זַאכִין גִיטְרַאכְט · אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ נִיט גִיזוּכְט מִיטְלֶען פַאר זִיךְ · וויא עֶר זָאל זִיךְ אַלַיין בֶּעסֶערִין צוּ זַיין אָן גִינוּטְצֶען בַּייא דֶעם פָאלְק · אונ דָאס פָאלְק זָאלֶען אַלֶע זַיין אַיינְס ·

אונ עֶס ווָאר · אַלְס אָקְטַוְוינוס הָאט גִישְׁטְרִיטִין מִיט אַנְטוֹנְיוּס וֶועלְכֶער אִיז גִיוֶועזִין דֶער פְרַיינְד פוּן הוֹרְדוס · ווייל דֶער אַנְטוֹנְיוּס הָאט דֶעם הוֹרְדוס גִימַאכְט צוּם קֶענִיג אִיבֶּער יְהוּדָה ·

הָאט

האט דער אַנטאָניוס גימוכט אַנטלויפין אונ נעמען שוץ ביא קלעאפאטרה די קיניגין פון מצרים · דאן האט אנטוניוס גישיקט דורך זיינעם איין פריינד צו הורדוס זאגין · יעצט אין מיין אונגליק בעט איך דיך דאס דוא זאלסט מיר בלייבין טרייא וויא דו ביסט מיר ביז העד גיוועזין אונ דו זאלסט ניט איבער טרעטין דעם בונד פון פרידין וועלכען מיר האבין באנאנד גישלאסין · דעם הורדוס איז גיווארין אויף דעם הארצין זייער איבעל · ער האט גיטראכט ; זאל איך האלטין פעסט פיר אנטוניוס · אזו בין איך מיט אים צו גלייך אונגליקליך · עס איז אויך ביי מיר אפלאן אז איך זאל גיין צו אקטאוינוס אונ צו אים זיך אונטער געבען · אבער ווער ווייס אויב ער וועט מיך ועלין אן נעמען · ווייל איך בין גיוועזין ביז העד דער פריינד פון זיין פיינד ? אונ אלס ער איז אזוי גיוועזין פערזונקען אין דיזע גידאנקען · האט ער ארוים געריטען צוא זאמען מיט זיין פרוי שפאצירען אונ דיא געשיכטע וואס עס האט דיא קעניגין גיטראפין מיט דעם פערד איז גיוועזין די ענדע דער פון · אונ וויא ער האט גיזעהען דאס בן בבא האט זיך גיוואגט צו רעטען דיא מרים · האט ער אים אלס פיינד גירעכינט · הייל ער פלעגט איטער זאגען אז אלע זיינע פיינדע האבין ליב זיינע פרוי — דרום האט ער אויך בעפאלען אז מען זאל ביי אים אין זיין הויז איינע אונטערזוכונג מאכין · פילאייכט וועט ער דארט עטוואס גיפינען · זיינע קנעכטע האבין פר אים גיבראכט די פאפירען וואס זיי האבין ביי אים גיפונען · אבער וואס האט ער אין זייא גיזעהען ? פאסקווילע · גישריבענע פאפירען אן איין שום אונטער שריפט · דאך האבין דיזע שריפטן אין זיין הארצין איין רושם גימאכט · ווייל ער האט אין זייא גיפונען גישריבין דיא ווערטער : „הורדוס איז דעם אקטאוויאנוס אונטרייא · ווייל

ער

עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט גֶעלְד צוּא זַיינֶעם פַיינְד אַנְטוֹנְיוּס · אוּנ עֶר וִויל
„שְׁטֶערִין דִי פְרִידִין וָואס עֶר הָאט גְשְׁלָאסִין מִיט דִי צְוֵויי רוֹמִישֶׁע
„פִירְסְטִין · אוּנ עֶר הָאט אַיין פֶעסְטִין בּוּנְד גִישְׁלָאסִין מִיט אַלֶע
„אַזִיאַטִישֶׁע פֶעלְקֶער : דְרוּם פֶערְלַאנְגְט זַיין פָאלְק דָאס מֶען זָאל
„דִיזֶעם אֲדוֹמִי הוֹרְדוֹס פוּן זַיין טְרָאן אַרוּנְטֶער וָועצֶען · אוּנ אוֹיף
„זַיינֶע שְׁטֶעלֶע וָועצֶען דֶעם אַלְטֶען אוּנ שְׁוַואכֶען הוֹרְקְנוֹס פוּן דֶער
„פַאמִילְיֶע דֶער חַשְׁמוֹנָאִים» ·

הוֹרְדוֹס הָאט עֶס אִיבֶּער גִילֶעזִין · אוּנ אִיז פַאר בְּרֶענְט גִיוָוארִין פוּן צָארִין · אוּנ עֶר הָאט גִיזָאגְט : וַוארְט נָאר אַיינֶע קְלַיינֶע וַוויילֶע אוֹיף · דוּא יוּנְגֶער מֶענְשׁ ! אִיךְ גְלוֹיבֶּע דָאשׁ דוּא וֶועסְט שׁוֹין נִיט מֶער וַויזִין דַיין גְבוּרָה בֶּן בָּבָא ! בַּאלְד וֶועט פְלִיסִין דַיין בְּלוּט ! מִיר דַאכְט אַז דוּא וֶועסְט שׁוֹין קַיין וֶועבֶּער מֶער זַיין ! עֶר הָאט אָן גִיקְלַאפְּט מִיט זַיינֶעם שְׁטֶעק אוֹיף דֶעם טִישׁ · אִיז בַּאלְד צוּ אִים גִיקוּמֶען זַיין קְנֶעכְט · דֶר קֶענִיג הָאט אִים בֶּעפָאלֶען בֶּן בָּבָא צוּ אִים בְּרֵיינְגֶען · דֶער קְנֶעכְט אִיז אָבֶּער מִיט שְׁרֶעק צוּ רִיק גִיקוּמֶן אוּנ הָאט גִיזָאגְט אַז עֶר גִיפִינְט זִיךְ נִיט אִין דֶעם גַאנְצִין שְׁלָאס · אוֹיבּ גְלַייךְ דֶער וֶועכְטֶער הָאט נִיט אָבְּגֶעטְרָאטִין דִיא גַאנְצֶע צַייט פוּן זַיין טִיר · אָבֶּער עֶר הָאט אִים נִיט גִיזֶעהֶען אַרוֹיס גֵיין · מֶען הָאט אִים גִיזוּכְט אִין אַלֶע וִוינְקְלֶען פוּן זַיין הוֹיז אוּנ אוֹיךְ אִין דֶער גַאס בֵּית צִירָה אִין זַיינֶעם הוֹיז הָאט מֶען אִים גֶעשִׁיקְט זוּכִין · אוּנ מֶען הָאט אִים דָארְט אוֹיךְ נִיט גֶעפוּנֶען · הוֹרְדוֹס הָאט וֶועגֶען דִיזֶע זַאכֶען גִיהַאט גְרוֹיס פֶערְדְרוּס · אָבֶּער עֶר קֶען נִיט דֶר גֵיין וֶוער דָאס הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען · עֶר הָאט דִי זַאכֶע פֶארְגִילֵייגְט פַאר זַיינֶע פְרֵיינְדֶע · הָאבִּין זֵיי אִים גֶערָאטִין · אַז עֶר זָאל זִיךְ אוּנְטֶער גֶעבִּין דֶעם אָקְטָאוִוינוּס אוּנ עֶר זָאל אִים מַבְטִיחַ זַיין דָאס זַיין הָאָרֶץ אִיז מִיט אִים גַאנְץ אוּנ טְרַייא · נָאר אַיידֶער

ער

ער וועט גיין צו דעם אָקטאַוויאַנוס זאל ער אַרונטער נעמען דיא קאָפּ פון הורקנוס · וואס ער שטייט אים אין דער וועג ׃

הורדוס האט בעפאָלען צו פערזאַמלען אַלע זיינע פריינדע צום טויער פון גערירכט · האבין זיך אַלע ווי א נאר טאג פאר זאַמלט · מען האט פאר זיי פאָרגעלייגט אַלע פּאַפּירען וואס מען האט געפונען אין דעם הויז פון בן בבא · צום אין זעהען האט מען אויך געבראַכט דעם אַלטין הורקנוס אונ מען האט אים פאר זייא געשטעלט · אַלע זיינע ביינער האבין געציטערט · ער האט זיך געשטיצט אויף דיא הענד פון זיינע קנעכט דאמיט ער זאל ניט פאַלען · מען האט פאר אים פאָרגעלעזען זיין שולד · אָבער ער האט גאר ניט פערשטאַנען · מיט גרויס מיהע איז אין געקומען ביז מען האט אים זיין פערברעכען ערקלערט · דר אַלטער האט געשוואָרין מיט אַלע הייליגקייט דאס ער ווייס ניט פון וואס צוא זאגין · ער האט געזאגט דאס זיינע פיינדע זוכין אויף אים בלבולים אים אום זיין לעבען צו ברייגגען · אה דוא אַלטער! האט הורדוס געזאגט · וואס שרעקסט דוא זיך איבער דיינע ציטערע אַלטע גלידער? איבער דיינע שנייא ווייסע האר? איבער דיינע בלינדע אויגין · דוא האלסט דאך ביין שטארבין נאך איידער מען האט דיך צום טויט פאר אורטיילט! אָבער דר לעצטער חשמונאי האט זיך ערנידעריגט פאר דעם אדומי ווייל ער האט געוואלט זיינע לעצטע אונ געציילטע טעג אוים לעבין אונ צו קומען בשלום אין דעם קבר פון זיינע עלטערן · אָבער עס האט ניט געהאָלפין · מען האט אים געדעשעט אויף דעם שלאַכט באנק דעם קאָפּ אַרונטער צו נעמען · אונ מען זאל אים קעפּען איידער דיא זוהן וועט אונטער גיין ·

זעקסטער קאפיטעל

אַרום הַאלְבֶּע נַאכְט · הָאבִּין זִיךְ פֶערְזַאמִילְט זֵייעֶר פִיל מֶענְשִׁין אִין אֵיינֶע בְּרֵייט אונ גְערוּימֶע הֵייהְל · אונ הָאבִּין זִיךְ גִיזֶעצְט אויף שְׁטוּלִין אַרום אֵיינֶעם רוּנְדֶען טִישׁ אַלְעֶ זֵיינֶען גִיוָועזִין שְׁוַוארְץ גִיקְלַייט · אַלֶע זִיצֶען רוּאִיג אֶן אַיין וָוארְט צוּ רֵייְדֶען · אונ וִויא עֶס שֵׁיינְט אויס · וַוארְטִין זֵייא אויף אַיין מֶענְשִׁין וָואס עֶר בַּאדַארְף צוּ זֵייא קוּמֶען · פְּלוּצְלוּנְג אִיז גִיהֶערְט גִיוָוארִין אֵיינֶע שְׁטִימֶע אַז מֶען קְלַאפְּט אויף דִי טִיר פוּן הֵייהְל · אַלְע הָאבִּין זִיךְ אויף גִיהוֹיבִּין צוּ זֶעהֶען וֶוער דָא אִיז · צְוֵויי מֶענְשִׁין אִין שְׁוַוארְצִין גִיקְלֵיידֶעט הָאבִּין אַיין גִיטְרָאטִין אִין הויז ; אֵיינֶער פוּן זֵייא אִיז גִיוֶועזִין בֶּן בְּבָא · נוּא גָאט זַאיי דַאנְק וָואס עֶר הָאט אַייךְ גִיהָאלְפִין דִיזֶען אוּנְגְלִיקְלִיכֶען צוּ רֶעטֶען · הָאט גִיזָאגְט דֶער עֶלְטֶעסְטֶער פוּן דֶער גֶעמֵיינְדֶע · נוּן יוּנְגֶער מֶענְשׁ · עֶרְצֵייל דָאךְ אוּנְז אַלְם וָואס מִיט דִיר אִיז פָּאר גֶעפַאלֶען · דוּא זָאלְסְט פוּן אוּנְז נִיט פַארְבָּארְגִן פוּן אַלֶע רֵייד וָואס דֶער טִירַאן הָאט צוּ דִיר גִירֶעט · בֶּן בָּבָא הָאט פַאר זֵייא עֶרְצֵיילְט דִיא גַאנְצֶע גִישִׁיכְטֶע · הָאט דֶער עֶלְטֶערֶער צוּא אִים גִיזָאגְט ; זַאיי וִויסִין מַיין קִינְד דָאס דוּא בִּיסְט יֶעצְט גֶעצְוואוּנְגִין אויף אֵיינֶע לַאנְגֶע צַייט פוּן אִים זִיךְ צוּ פֶערְבָּארְגִין · דוּ מוּסְט פוּן יְרוּשָׁלַיִם פְּלֵיטָה מַאכִין · דְרוּם זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּ בְּעֲרֵייטִין צוּם וֶועג · אונ מִיר וָועלִין שׁוין אֶן דַיינֶע מוּטֶער צוּ וִויסֶען טָאן · אַז דוּ לֶעבְּסְט נָאךְ · נָאר בִּיז מִיר וָועלִין דִיךְ וֶועג שִׁיקִין זָאלְסְטוּ זִיצִין אִין דֶעם צִימֶער פוּן אֶלְיָשׁוּב דַאמִיט קֵיינֶער זָאל דִיךְ זֶעהֶען · פְּלוּצְלוּנְג הָאט מֶען גִיהֶערְט ווידֶער קְלַאפֶּען אִין דִי טִיר · אונ עֶס אִיז אַרַיין גִיקוּמֶען אַיין מַאן עֶרְשְׁרָאקִין אונ עֶרְמִידֶעט · זַיין גֶעזִיכְט וַואר אָפּ גִינָאסִין מִיט-שְׁווֵייס · אונ עֶר הָאט אויס גִירוּפִין הֶערְט נָאר צוּא אִיר לַייט פוּן יְהוּדָה ! הֶערְט נַייעֶס ! דֶער טִירַאן

הורדוס האט היינט דעם אלטען הורקנוס צום געריכט געשטעלט · אונ מען האט אים באשולדיגט דעם טויט · די גאנצע פערזאמלונג האט געציטערט · אונ אלע האבין געשוויגין · האט דער עלטערער אים געפרעגט : וויא אזוי ווייסט דו עס ? האט דר מאן געענטפערט : איך האב אליין געהערט מיט זיין שליח · אונ איך האב אויך אליין דעם דעקרעט געלייענט ! דאן איז אויף געשטאנען איין וויכטיגער מאן פון דער אסיפה דאש איז געוועזן דער געלערטער שמאי , אונ האט געזאגט : אזוי וויא איך האב אויך אמאל געזאגט האט זיך היינט ריכטיג אזוי אוים געוויזין פאר אונזערע אויגין · עס איז שוין אפין דער קבר פון דעם לעצטען חשמונאי · עס איז שוין אוים געלאשען אין גאנצען דאס ליכט פון ישראל · איר האט שטענדיג געזאגט · דאס אזוי לאנג אז עס ווערט נאך לייכטין איין פונק פון דיא חשמונאים · האבין מיר אונז זיך גאר ניט וואס צו שרעקען · נון יעצט אלס מען ווערט דעם הורקנוס קעפען פאר אייערע אויגין · וואס ווערט איר יעצט טאן ? — האסט דו שמאי פערגעסען — האט איינער זיינע רייד איבער געשלאגין · האסט דו פערגעסען אז מרים מיט אירע צוויא קינדער לעבען נאך ?

גייא · ביז וויא לאנג ווערסט דוא זיך נאריש מאכען הילל ! האט שמאי פירכטערליך אויס געשריען · מרים ווערט אויך אמאל האבין דעם זעלבינן חלק · איר ווערט מען אויך אמאל פעראורטיילן צום טויט · אונ אירע קינדער ? אדער זייא וועלין זיין וויא זייער פאטער דער טיראן · אדער אויב זיי האבין נאך דאס בלוט פון די חשמונאים אין זייערע אדערין · וועלין זיי אים זיין דר וויער דאן ווערט מען זיי אויך דעם קאפ ארונטער נעמען · אלע האבין געשוויגין שטיל · ווייל זייא האבין גוט פערשטאנען דאס זיינע רייד זיינען ריכטיג · שמאי האט געוואלט זיי אויף מונטערן מיט

הורדוס

הוֹרְדוּס מִלְחָמָה צוּא הַאלְטִין · אָבֶּער הִילֵל הָאט דֶער צוּא נִיט
אַיין גֶעשְׁטִימְט אוּנ דָאס גַאנְצֶע פָאלְק הָאבֶּען נָאר אָן גִינוּמֶען
דִיא דֵעָה פוּן הִילֵל · שַׁמַּאי הָאט פַאר זִיךְ אִין דֶר שְׁטִיל גִיזָאגְט
מִיר זַיינֶען אַלֶע פֶערְלָארֶען ! אָבֶּער גָאט זָאל גִידַאנְקְט אוֹיךְ פִיר
דִיזֶעס ; אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִיט מֶער וָואס צוּ רֵיידִין · נָאר אַיין
זַאךְ פֶערְלַאנְג אִיךְ פוּן אַייךְ דָאס אִיר זָאלְט אוּם וֶוינִינְקְסְטִין פוּן
הוֹרְדוּס אַלֵיין נֶעמֶען נְקָמָה פַאר דִיא בְּלוּט פוּן דִיא חַשְׁמוֹנָאִים ·
אוּנ אִין דִיא אַנְדֶערֶע זַאכֶען פָאלְגְט מִיךְ נִיט · אוּנ בַּאלְד אִיז
שַׁמַּאי אוּנ דִי אִיבֶּערִיגֶע טְרוֹיֶערִינֶערְהֵייט וֶועג גִיגַאנְגֶען ·

זיבּענטער קאפּיטעל

מִרְיָם אִיז גִיזֶעסִין אִין אִיהְר נַאבִּינֶעט · זִיא אִיז עֶטְוָואס
רוּהִיג גִיוָוארִין פוּן דִיא שְׁרֶעק וָואס אִיר הָאט גִיטְרָאפִין אִין דֶער
נַאכְט פוּן נֶעכְטִין · אָבֶּער זִיא אִיז נָאךְ דָאךְ גִוֶועזִין אִין גְרוֹיס קוּמֶער
וַוייל זִיא הָאט גֶעשִׁיקְט אִיר קְנֶעכְט אָפּ צוּא גֶעבֶּען אַיין דַאנְק
דֶעם בֶּן בָּבָא וָואס עֶר הָאט אִיר כַּצִּיל גִיוֶועזִין פוּן טוֹיט ·
אָבֶּער דֶר קְנֶעכְט הָאט זַייך הוֹיז גֶעפוּנֶען פֶערְשְׁלָאסִין · דִי שְׁכֵנִים
הָאבִּין אִים גִיזָאגְט · אַז עֶר אוּנ זַיין מִשְׁפָּחָה זַיינֶען בַּאלְד אַנְטְלָאפִין ·
אוּנ קֵיינֶער וֵוייס פוּן וֵויא · זִי אִיז גִיזֶעסִין מִיט אַיין צוּבְּרָאכֶענֶעם
הַארְצִין אוּנ אִירֶע צְוֵוייא קִינְדֶער הָאבִּין לֶעבִּין אִיר גֶעשְׁפִּילְט ·
פְּלוּצְלוּנְג הָאט זִיא דֶער הֶערְט · וִויא מֶען הָאט אָן גִיקְלַאפְּט
דְרַייא מָאל אוֹיף אִיר טִיר · הָאט זִיא גְלַייךְ גֶענוּמֶען אִירֶע צְוֵויי
קִינְדֶער · אוּנ הָאט צוּא זֵייא גִיזָאגְט : קוּמְט אִיךְ וֶועל
אַייךְ פִירֶען צוּ דֶער אַלְטֶע פְרוֹיא מִרְיָם · בַּיי איר וֶועט אִיר עֶסִין
אָבִּינְדְבְּרוֹיט · אוּנ זִיא הָאט זִיךְ בַּאלְד אוּמְגִיקֶערְט צוּ רִיק אוּנ
הָאט גִיעֶפִינְט דִיא טִיר · שַׁמַּאי אִיז אַרַיין צוּ אִיר אִין הוֹיז ·

אוּנ

אונ דִיא מִיר הָאט זִיא בַּאלְד ווִידֶער פַאר רִינָעלְט ·

נִיט אוּמְזִיסְט אִיז אַייֶער קִימָען רָבִּי ! הָאט מִרְיָם מִיט צִיטָערִין גִיזָאגְט ·

מִרְיָם · אַלֶע מַיינֶע רֵייד וָואס אִיךְ הָאבּ גִיזָאגְט פוּן אָנְפַאנְג אִיז אַלְץ עֶרְפִילְט גִיוָואֹרִין · נָאךְ פְּ־יֶער וִויא אִיךְ הָאבּ גִיטְרַאכְט · זָאג דָאךְ מִיר · וָואס בֶּעדַייטִין דַיינֶע רֵייד ? הָאט דִי קֶענִיגִין אוּם גֶעשְׁרִיעֶן מִיט גְרוֹיס שְׁרֶעק · דֶעם אַלְטֶען הוֹרְקָנוּס הָאבִּין דִיא רִיכְטֶער גֶערִיכְטֶעט צוּם טוֹיט שוּלְד · אוּנ נָאךְ אֵיידֶער דִיא זוּהְן וָועט אוּנְטֶער גֵיין וָועט זִיךְ עֶנְדֶען זַיין לֶעבֶּען ! הָאט שַׁמַאי גִיזָאגְט · דִיא קֶענִיגִין אִיז עֶרְשְׁרָאקִין גִיוָואֹרִין · אוּנ אִיז נֶעבְּלִיבֶּען וִויא אַיין זַייל אָהְנֶע בֶּעוֶועגוּנְג · וֵויא צוּ מִיר · הָאט שַׁמַאי גִיזָאגְט · דָאס אִיךְ מוּז זַיין דֶער בֵּייזֶער שָׁלִיחַ דִיר אַזוּ אַיין אוּנְגְלִיק אָן צוּ זָאגִין אוּנ פִילַייכְט וֶועסְטוּ מִיךְ פְרֶעגֶען · וָוארוּם אִיז עֶס אַזוּ ? זָאג אִיךְ דִיר · דָאשׁ אִיז נָאר · וַוייל עֶר אִיז אַיין חַשְׁמוֹנָאִי · אוּנ דֶעם בֶּן בָּבָא וָואס עֶר הָאט דִיךְ מַצִיל גִיוֶועזִין הָאט הוֹרְדוֹס אִים גֶעהֵייסֶען זֶעצֶען אִין אַרֶעסְט · מֶען הָאט אִין זַיין הוֹיז גִיפוּנֶען שְׁרִיפְטֶען · אוּנ אוֹיף דִיזֶען גְרוּנְד הָאט עֶר דֶעם אַלְטִין צוּם טוֹיט גֶערִיכְטֶעט · מִרְיָם הָאט צְוַואר גִיצִיטֶערְט · אָבֶּער דִי זַאךְ הָאט זִיךְ אִיר נִיט גִילָאזְט גְלוֹיבִּין · אוּנ זִי הָאט צוּא אִים גִזָאגְט · דֶעם מָאל זָאגְסְט דוּ פַאלְשׁ · דֶען עֶס קֶען נִיט גִשֶׁעהֶען !

וִויא קֶענְסְטוּ קֶענִיגִין בַּיי דִיר אִין הַארְצִין דַיין לֶעהְרֶער שַׁמַאי הַאלְטִין פַאר פַאלְשׁ ? — הָאט אִיר שַׁמַאי גִיפְרֶעגְט · — נַיין · לִיבֶּער לֶערֶער · הָאט זִיךְ מִרְיָם אָפּ גִירוּפִין · פִילַייכְט הָאט מֶען דִיר לִיגִין עֶרְצֵיילְט ; אָדֶער וֶועלְכֶער מֶענְשׁ הָאט דִיר נָאר אַיין שְׁפַּאס גִימַאכְט · וַוייל מַיין הֶערְץ לָאזְט עֶס מִיר נִיט גְלוֹיבִּין הַיְנוּ זָאל דָאס לִיגִין זַיין · הָאט שַׁמַאי גִיזָאגְט · אָבֶּער הֶער נָאר

מיר

מִיר צוּ מִרְיָם · אִיךְ זָאג דִיר זָא וַואהְר וִויא גָאט לֶעבְּט · אַז דִי זַאכְֶע אִיז וַואר · מֶען הָאט אִים בֶּעשׁוּלְדִיגְט צוּם טוֹיט · אוּנ מִיט דֶער נַאכְט צוּ גְלַייךְ וֶועט אִים שׁוֹין דֶער טוֹיט בַּארֶעקֶען מִיט זַיינֶע שְׁווַארְצֶע פְלִיגְלֶען ·

גֵיין · עֶס וֶועט אַזוֹי נִיט זַיין · הָאט מִרְיָם גִיעֶנְטְפֶערְט · אִיךְ מוּז יֶעצְט גֵיין צוּ הוֹרְדוּס אוּנ וֶועל דִיא זַאךְ רִיכְטִיג דֶער גֵיין · מִרְיָם אִיז גְלַייךְ צוּ דֶעם הוֹרְדוּס גִינַאנְגֶען · אוּנ שַׁמַאי אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אַז אַיין נֶעפִּיל וִויא אַיין שְׁטֵיין · מִיט פִיל פְרוּיעֶרְקֵייט אוּנ שְׁמֶערְצִין · הָאט עֶר זִיךְ דוּרךְ דִיא הֵייל נָאךְ הוֹיזֶע גִיקֶערְט אוּנ דִי פָּאפָּאיעמְנֶע טִיר הָאט עֶר פוּן אִינְוֵוייניג צוּ גִישְׁלָאסִין · — דִיא קֶעניגִין הָאט אִיר נֶעזִיכְט אִיבֶּער גִידֶעקְט מִיט אַיינֶעם וַוייסִין שְׁלֵייעֶר אוּנ הָאט מִיט גֶענוּמֶען אַיינֶע מֶעדְכֶען · אוּנ אִיז גְלַייךְ גִינַאנְגֶען · אִין דֶעם פַּאלַאץ פוּן הוֹרְדוּס · אַלְס זִיא אִיז גִיקוּמֶען צוּם טוּיעֶר · הָאט זִיא גִישִׁיקְט אַיין קְנֶעכְט צוּ מֶעלְדֶען אִים אַז זִיא קוּמְט אָן · אָבֶּער זִי הָאט נִיט גֶעוַוארְטֶעט אוּיף אַיין עֶנְטְפֶער · אוּנ זִיא אִיז נָאךְ דֶעם קְנֶעכְט אוּיךְ גִינַאנְגֶען · אַלְס דֶער קֶעניג הָאט דֶער הֶערְט דָאס מִרְיָם קוּמְט יֶעצְט צוּ אִים · אִיז עֶר פֶערְצִיטֶערְט גִיוָוארִין · עֶר הוֹיבְּט אוּיף זַיינֶע אוֹיגֶען אוּנ זֶעהְט דָאס מִרְיָם שְׁטֵייט פַאר אִים · דִיא בַּרְיָם וַואר זֵייעֶר שֵׁיין דָר צוּ הָאבִּין זִיךְ דִיא בְּלוּט פוּן אִיר הֶערְצֶען אוֹיס גִיבְּרָאכֶען אוּנ הָאבִּן פֶערְפַארְבְּט · אִיר גַאנְצֶע גֶעזִיכְט · זִיא הָאט בַּאלְד אָפּ גִימַאכְט דֶעם שְׁלֵייעֶר פוּן אִיר גֶעזִיכְט · אוּנ מִיט טוֹיט שְׁרֶעקְלִיכֶע בְּלִיקִין אָן גִיזֶעהֶען אִיר מַאן · אוּנ הָאט צוּא אִים גִיזָאגְט : וָואס זָאגְסְטוּ הוֹרְדוּס צוּא דֶער גֶעשִׁיכְטֶע ? וָואס עֶס קֶען גֶעבֶּען הֶעצֶעס אוּיף דֶער וֶועלְט · עֶס אִיז צוּא מִיר גִיקוּמֶען אַיין מֶענְשׁ אוּנ דָאט מִיר אַזוֹ אַיין לִיגֶען עֶרְצֵיילְט · אַלְס גְלַייךְ דוּא הָאסְט בֶּעשׁוּלְדִיגְט

מַיינֶעם זַיידֶען צום טויט ? אַזו אַיין לִינֶען וָועלְכֶער עֶס לָאזְט זִיךְ מִיר נִיט גְלויבֶען ׃

הורְדוס הָאט הֶערְאפּ גִילָאזִין דִי אויגִין ׃ אונ הָאט גִיזָאגְט ווִי קום אִיךְ אִים צו בֶּעשׁולְדִיגֶן ? דִי רִיכְטֶער ׃ אונְפַּארְטֶייאִשֶׁע לַייט ׃ עֶרְלִיכֶע מֶענֶער ׃ זֵייא הָאבֶען אִים דֶער קֶענְט פַּאר אַיין מוֹרֵד בְּמַלְכוּת ׃ אונ עֶר הָאט זִיךְ נִיט שַׁיין בֶּעשְׁרִיבֶען הָאבֶען זֵייא אִים בֶּעשׁולְדִיגְט ׃׃׃׃׃׃׃

אַזו אִיז עֶס רִיכְטִיג ? הָאט מִרְיָם מִיט וֵויינֶען אויס גִיבְרָאכֶן׃ הורְדוס לָאז אִיבֶּער אונ זֵאיי אִים הַיינְטִיגֶעס מָאל גִיטִיג ׃ עֶס אִיז דָאךְ ווִירְקְלִיךְ אֵיינֶע גְרויסֶע זִינְדֶע ׃ אֵיינֶעם אַלְטֶען מַאן פון אַכְטְצִיג יָאר ׃ דֶעם קָאפּ אַרונְטֶער צו נֶעמֶען ׃

אִיךְ וָועל דִיר זָאגֶען מִרְיָם ׃ הָאט הורְדוס גִיעֶנְפֶערְט ׃ דָאס ווָאלְט אַלְס רֶעכְט גִיוֶועזִין וָוען הורְקָנוס ווָאלְט נָאר זַיין אֵיינֶער ׃ אונ עֶר ווָאלְט נִיט הָאבֶּען פִיל אַנְדֶרֶע אָן הֵיינְגֶער וָועלְכֶע ווִילֶען דִי קְרוֹין פון מַיין קָאפּ נֶעמֶען ׃ אונ מִיךְ פון דֶר ווֶעלְט בְּרֵיינְגֶען ׃ מַיין הֶערְץ טוט מִיר אויךְ אִיבֶּער דֶעם ווֵיי ׃ אונ אִיךְ בִּין נָאר ווִיא צוא מִישְׁט ׃ אָבֶּער אִיךְ קֶען דִיא זַאכֶע נִיט עֶנְדֶערִין ׃ דְרום אִיךְ זָאל זִיכֶער זַיין מִיט מַיין לֶעבֶען אונ מִיט מַיינֶע רֶעגִירונְג בִּין אִיךְ נֶעצְווָאונְגֶען ! צו עֶרְפִילֶען ווָאס דִיא רִיכְטֶער הָאבִּין גֶערִיכְטֶעט ׃

מִרְיָם אִיז מִיט וֵויינֶען אונ בֶּעטִין גִיפַאלִין צו הורְדוס פִיס ׃ אונ הָאט צו אִים גִיזָאגְט ׃ טוא עֶס הורְדוס מִיר צו לִיבּ ׃ ווַייל דוא לִיבְּסְט מִיךְ ׃ זֶעה ווִיא מִרְיָם פַאלְט דִיר צו דַיינֶע פִיס ׃ טוא עֶס מִיר אונ הָאבּ אויף אִים מִיט לֵייד ׃ לָאז מִיר אִיבֶּער דִיזֶען אֵיינֶעם וָועלְכֶער אִיז פון מַיין גַאנְצֶע פְאטֶערְס פַאמִילְיֶע אִיבֶּער גֶעבְּלִיבִּין לָאז אִים שְׁטַארְבִּין רוּהִיג מִיט דֶער נַאטִירְלִיכֶער טויט ווִיא אַלֶע מֶענְשִׁין ׃ דו ווֵייסְט דָאךְ דָאס אִיךְ בִּין דַיין ווַייבּ מִיט גְעווָאלְט ׃ נִיט

נִיט

גִיט מִיט מַיין גוּטֶען וִוילֶען · וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיךְ גִיט גֶעלִיבְּט · אָבֶּער וָוען דוא וָועסְט עָס מִיר טָאן אונ דוא וָועסְט אִים לָאזְין לֶעבְּען · וָועל אִיךְ דִיר אוֹיף אַייבִּיג לִיבּ הָאבֶּען · אִיךְ בַּאשְׁוֶוער דִיךְ מִיט אוּנְזֶערֶע צְוַוייא קִינְדֶער דָאס דוא זָאלְסְט לָאזִין לֶעבֶּען מַיין גְרוֹים פָאטֶער · אָ זעה וִויא עֶר צִיטֶערְט פַאר דִיר וִויא אַיין גִינָועלְקְטֶעס בְּלַאט · זאיי וְוִיסֶען דָאס מַיין לִיבְּשַׁאפְט צוא דִיר הֵייגְט אָפּ אָן זַיין לֶעבֶּען · הוֹרְדוֹס · אוֹיבּ דוא וָועסְט מִיךְ דִיזֶע וַוייליֶע פָאלְגֶען · וָועל אִיךְ אַייבִּיג זַיין דַיין דִינְסְט · אִיךְ וָועל וַואשֶׁען דַייגֶע פִּיס אונ וָועל פְּרִינְקֶען דִיא וַואסֶער ·

אִירֶע רֵייד הָאבֶּען אִים אַזוֹי גִינוּמֶען · וִויא עֶס נֶעמְט אָן אַמוּיעֶר · עֶר הָאט אִיר גִיעֶנְטְפֶערְט שְׁטִיל אונ קַאלְט וִויא אַייז: וָוען דוא מִרְיָם וָועסְט מִיךְ לִיבּ הָאבִּין וָועט גוּט זַיין דִיר אונ דַיינֶע קִינְדֶער · אִיךְ בִּין גִיצְווּאוּנְגֶען צוא דָעם אָקְטַאוְויַאן צוא גֵיין אונ זֶעהֶן אַז דִי רֶעגִירוּנְג זָאל בַּיי מִיר בְּלַייבֶּען · אִיךְ זָאל מַיינֶע שׂוֹנְאִים גִיט עֶרפְרַייעֶן · וָוען נִיט דָאס · זַיינֶען מִיר אַלֶע פֶערְלָארֶען · גֵייא מִרְיָם צוּ הויז וִויא אִיךְ הָאבּ בֶּעשְׁלָאסֶען · וָועט שׁוֹין אַנְדֶערְס גִיט זַיין! מִרְיָם הָאט אִים אָן גִיזֶעהֶען מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶען בְּלִיקֶען · זִיא הָאט אִיבֶּער גִירֶעט זַיינֶע רֵייד אונ הָאט גִיזָאגְט: עָס וָועט שׁוֹין אַנְדֶערְשׁ גִיט זַיין? אַזוֹי · דוא טוּסְט אוֹיךְ דֶעם לֶעצְטֶען אונ דֶעם אַלְטֶען חַשְׁמוֹנָאִי אוֹיף זַיין עֶלְטֶער פוּן דֶער וָועלְט בְּרַיינְגֶען פַאר וָואס קֶען עָס אַנְדֶערְס נִיט זַיין? אִיךְ פֶערְזִיכֶערֶע דָאךְ דִיר דָאס אִיךְ זָאל דִיךְ פוּן יֶעצְט אָן אוֹיף אַייבִּיג לִיבּ הָאבֶּען ··· נָאר אִיךְ זָאג דִיר צוּ · וָוען דוא טוּסְט עָס מִיר נִיט · נֶעם אִיךְ אוֹיף מִיר אַיין נֶדֶר · אַז אִיךְ זָאל דִיךְ אֵייבִּיג הַאסֶען · אונ גְרוּנְדִיג פֵּיינְד הָאבִּין דִיא פְלוּךְ פוּן גָאט זָאל קוּמֶען אוֹיף דִיר אונ אוֹיף דַיין גַאנְצֶע הויז · מִיט דִיזֶע וֶוערְטֶער אִיז זִיא פוּן הוֹרְדוֹס אָפּ גִיגַאנְגֶען · מִרְיָם אִיז

נִיקוּמֶען

גִיקוּמֶען צוא הויז זֵייעֶר שְׁוַואךְ אונ עֶרְשְׁרָאקֶן · וִיא אִיז בַּאלְד גִיפַאלִין צו דֶר עֶרְד אונ הָאט גִיוַויינְט · שַׁמַאי אִיז אַרַיין גִיקוּמֶען אונ עֶר הָאט אִיר גִיפוּנֶען מִיט גִישְׁוָואלֶענֶע אויגִין אונ שְׁוַוארְץ וויא דִיא עֶרְד · הָאט זִיא צו אִים גִיזָאגְט : יֶעצְט קֶען אִיךְ דִיר גְלוֹיבִּין שַׁמַאי · אַז אַלְס וָואס דוא הָאסְט מִיר פְרִיהֶער אוים גִילֵייגְט · אִיז וִוירְקְלִיךְ אַזוֹ גִישְׁעהֶען · אִיךְ פַאר שְׁטֵייא אַז אויךְ דַיינֶע לֶעצְטִין רֵייד וָועלִין גֶעווִיס נִיט פַאלֶען · אִיךְ הָאבּ מִיךְ פוּן יֶעצְט אָן בֶּעשְׁלָאסִין פוּן אִים רַאכֶע צוּ נֶעמֶען · אָבֶער זָאג נָאר מִיר לִיבֶּער שַׁמַאי · וָואס זָאל מַיינֶע רַאכֶע זַיין ? פוּן יֶעצְט אָן אִיז עֶר נִיט מֶער מַיין מַאן · אונ אויךְ נִיט דֶער פָאטֶער פוּן מַיינֶע קִינְדֶער · דַאן אִיךְ בִּין פוּן אִים אוֹיף אֵייבִּיג גֶעשֵׁיידְן · מִיט דֶעם טוֹיט פוּן דֶעם לֶעצְטֶען חַשְׁמוֹנָאִי · זָאל שוֹין אויךְ צוא גְרוּנְדֶע גֵיין דִיא לֶעצְטֶע פְרוִיעֶנְצִימֶער פוּן זֵייעֶר פַאמִילְיֶע · אִיךְ וָועל אויךְ זַיין פְרֶעמְד צוּ מַיינֶע לִיבֶּע קִינְדֶער · אַזוֹ בְּרֶענְט אָין מִיר מַיין צָארִין · אַז מַיין לֶעבֶּען אִיז מִיר אויךְ נִיט לִיבּ ·

אָבֶער אִיךְ פִירְכְטֶע דִיר צוּ זָאגְן · הָאט שַׁמַאי אוים גִירוּפְן · דוּא הָאסְט דָאךְ אֵיין שְׁוַואכֶעם הַארְץ וִויא אַלֶע פְרוִיעֶן · וִויא דַיין מַאן וָועט דִיךְ זֶעהֶן מִיט אִים נִיכְט גוּט · וָועט עֶר דִיךְ שְׁטְרָאפֶען מִיט דֶעם טוֹיט · דַאן וֶועסְטוּ אוים גֶעבְּן אַלֶע דַיינֶע בֶּעסְטֶע פְרַיינְד ·

רֶבִּי · רֶעט גָאר נִיט · אִיךְ וָועל בֶּעסֶער צוּ פְרִידִין זַיין מִיט מַיין טוֹיט אֵיידֶער צוּ מַאכְן פְרִידֶען מִיט דִיזֶעם מֶערְדֶער וָואס הָאט מַיין גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע אוּמְגִיבְּרַאכְט ·

אָבֶּער זָאג מִיר מִרְיָם · הָאט אִיר שַׁמַאי וִוידֶער נִיפְרֶעגְט · אִיז עֶס בַּייא דִיר אֵיינֶע נַאיֶיס צוּ זֶעהְן פוּן זַיין הַאנְד הֲרוּגִים אִין דַיינֶע פַאמִילְיֶע אוּנ דוּא מוּסְט דָאךְ שְׁוַוייגִין ?

א · שַׁמַאי ! דוּא מַאכְסְט מִיר שְׁמֶערְצִין אונ קְרֵיינְקְסְט מִיךְ

מִיט

מיט דיינע רייד · אלס מיין פאטר איז דורך אים פון דער וועלט גיקומען · בין איך דאך גיוועזין יונג · אונ אלס ער האט מיין ברודער גיעטארדעט בין איך שוין גיוועזין אמוטער פון קינדער · יעצט גייט אויך אונטער דער איינער וואס גיבליבין מיין גרויס פאטער ! גיב מיר איין שפיז וועל איך זיא אים גלייך אין הארצן איין שטעכין · איך וועל אים פערגיפטען · אדער לאז מיר איך זאל מאכין איין אויפריהר אין דיא גאסען פון ירושלים · אדער וואס דו ווערסט מיר זאגין וועל איך טאן ·

ניין מרים · דוא זאלסט קיינע איינציגע זאכע פון דיא אלע טאן · דיין שפיז וועט דיר פון דיין האנד פאלען · אונ דוא ווערסט גיריכטעט ווערין צום טויט · פון דיינעם וויין וועט ער ניט טרינקן · ווען דו ווערסט אנטלויפין אין די גאסין · וועלין דיך איבר נעמען די וועכטר אונ דו קענסט אונגליקליך זיין · דס איז אלס קיין ראכע ·

זאג דאך מיר איין מאל מיט וואש אנדערס קען איך אים פערגעלטען ? האט מרים איהם גיפרעגט · מיט דער זאכע וואס דו האסט ביי דיר אין האנד האט איר שמאי גיענטפערט · בעווייז צו אים קיין שטראל פון ליבשאפט · דאס איז דיא וואהרע נקמה ווייל איך ווייס אז פיר דיין ליבשאפט וואלט ער אבגינעבין זיין גאנצען פערמעגען · אונ אן דיר קען ער ניט לעבען · דוא זאלסט אויך אים קיין מאר בליקען מיט איינע גוטע אויג · דיין האנד זאל איהם קיין מאל אן רירען · דוא זע איהם אן נאר מיט האס אונ פעראכטונג · שפייא אויף אלע זיינע טריט · אלע זיינע רייד זאלין ביי דיר האבין איין צורה ווי די בלאטע רייד אים יעדע מינוט אנדערע שטאכווערטער · דענסמאל וועט ער אום גיין שווארץ וויא דיא ערד · ער וועט בעקומען איין מרה שחורה · דיין האס וועט אים אוים טריקנען אלע זיינע ביינער -

דָאס איז די גְרֶעסְטֶע נְקָמָה · אונ גָאר אין אֵיינֶע קוּרְצֶע צַייט · איז שוין הוֹרְדוס נִיט מֶער דָא אויף דֶער וֶועלְט · —

מִרְיָם איז גִישְׁטַאנֶען שְׁטִיל ווִי דִי וַואנְד · אֵיין שְׁטֶערְצְלִיכֶער גִילֶעכְטֶער אִיז אִיבֶּער גִינַאנְגֶען אויף אִירֶע לִיפֶּען · אונ שַׁמַאי איז אין דֶער שְׁטִיל פֶערְשְׁוואוּנְדֶען גִיוָוארִין ·

אכטער קאפיטעל

הוֹרְדוס הָאט גִיהַאלְטֶען ווָארְט אונ עֶר הָאט זִיךְ גֶעבְּרֵייט צוּ גֵיין צוּא דֶעם אָקְטָאוְויַאן צוּא פַאר עֶנְטְפֶערֶען זִיךְ גֶעגֶען דִיא מַלְשִׁינוּת וָואס זַיינֶע פַיינְד הָאבִּין אויף אִים אָן גִירֶעט · אונ צוּ בֶּעטִין פוּן אִים עֶנְשׁוּלְדִיגוּנְג · עֶר הָאט גִיהַאט גְרוֹיסֶע צָרוֹת אִין הַארְצִין אונ עֶר אִיז דֶענְמָאל גִיוָועזִין זֵייעֶר צוּ בְּרָאכִין · אֵיידֶער עֶר אִיז גִינַאנְגֶען אויף דֶער רַייזֶע צוּא אָקְטָאוְויַאן · הָאט עֶר גֶעהַיילְט צוּא גֵיין אִין דֶעם שְׁלָאס, צוּא זַיין פְּרוֹי מִרְיָם בַּייא אִיר אָבְּשֵׁייד נֶעמֶען · הוֹרְדוס אִיז גֶעקוּמֶען גְלַייךְ צוּ אִיר אִין צִימֶר · ווִי מִרְיָם הָאט דֶער זֶעהֶען הוֹרְדוס · הָאט זִיא זִיךְ פַר אִים גְלַייךְ גִישְׁטֶעלְט · אונ אִיר הֶערְץ הָאט אִין אִיר גִירוֹישְׁט וִויא דִיא וֶועלֶען פוּן מֶער · הוֹרְדוס אִיז צוּ גִינַאנְגֶען אונ הָאט אִיר אָנגִינוּמֶען דִיא הֶענְד · מִרְיָם הָאט גָאר נִיט גִירֶעט אונ הָאט אִיר הַאנְד פוּן אִים אִין דִיא שְׁטִיל וֶועג גִינוּמֶען · — מִרְיָם! הָאט דֶער קֶענִיג צוּ אִיר מִיט לִיבְּשַׁאפְט גִיזָאגְט · אִיךְ בִּין דָאךְ גִיקוּמֶען דִיךְ צוּ בֶּעזוּכֶען פַאר מַיינֶעם אָבּ שֵׁייד · אִיךְ הָאבּ פַאר מִיר אֵיינֶע וַוייטֶע רַייזֶע · פִיל אוּנְגְלִיקֶען שְׁטֵייעֶן מִיר אויף מַיינֶעם וֶועגִי אִיךְ ווייס נִיט אוֹיבּ אִיךְ וֶועל בְּשָׁרוֹם צוּ רִיק קוּמֶען · דֶען עֶס קֶען מִיר אוֹיךְ פִילַייכְט אֵיין אוּנְגְלִיק טְרֶעפֶען דְרוּם בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען דִיךְ זֶעגְנֶען · אונ פוּן דִיר נֶעמֶען אָפּ שֵׁייד · מִיר זַיינֶען

שׁוֹין לַאנְג גֶעשִׁיֶעדֶען · הָאט מִרְיָם מִיט שְׁטוּרְמִינֶעם הֶערְץ אוֹיס גֶעשְׁרִיעֶן . צוּ וָואס בְּרוֹיכְסְטוּ מַיין בְּרָכָה · דַיינֶע הֶענְדֶע אָדוֹמִי · זַיינֶען אִין בְּלוּט פֶערְשְׁמוּצְט · דוּא בִּיסְט דָאךְ מַיין פְּרוֹי · הָאט הוֹרְדוּס צוּ אִיר גִיזָאגְט · אוּנ וֶוען אִיךְ בִּין פֶערְשְׁמוּצְט אִין זִינְדֶען בִּיסְטוּ אוֹיךְ נִיט רֵיין וַוייל מִיר בֵּיידֶע זַיינֶען אֵיינְס ? — אִיךְ בִּין מִיט דִיר גֶעוֶועזֶען אֵיינְס · הָאט מִרְיָם גִיעֶנְטְפֶערְט · אָבֶּער פוּן דֶער צַייט אָן וָואס דוּא הָאסְט גֶעמָארְדֶעט מַיין גְרוֹיס פָאטֶער הוֹרְקָנוּס · הָאבִּין מִיר זִיךְ אוֹיף אֵייבִּיג גִיטְרֶענְט · צַייט אִיךְ וֶועל לֶעבֶּען · וֶועל אִיךְ פְלוּכֶען דֶעם טָאג וָואס אִיךְ הָאבּ דֶעם טְרוֹיא רִינְג פוּן דַיין הַאנְד גֶענוּמֶען · פֶערְפְלוּכְט אִיז דֶער טָאג וָואס אִיךְ בִּין פוּן דִיר שְׁוַואנְגֶער גִיוָוארִין אוּנ קִינְדֶער גֶעבָּארֶען · גֵייא גֵייא דוּא מַיין פַאמִילְיֶענְמֶערְדֶער · קוּם יוּא · קוּם נִיט צוּ רִיק · הָאבּ מִיךְ לִיבּ · הָאבּ מִיךְ פַיינְט הַאלְט מִיךְ יוּא · הַאלְט מִיךְ נִיט פַאר אַיין פְרוֹיא · עֶס אִיז בַּיי מִיר אַלְס אֵיינֶערְלַייא · מִיט אֵיינֶעם וָוארְט · מִיר זַיינֶען שׁוֹין גִיטְרֶענְט אוּנ גֶעשִׁידֶען ·

הָער צוּא מִרְיָם · דַיינֶע רֵייד הָאבֶּען קֵיין וָואג אוּנ קֵיין הַאפְט · גְלַייךְ מִיט אַלֶע אַנְדֶערֶע פְרוֹיעֶן · נָאר מִיט דֶער צַייט וֶועסְטוּ וִויסֶען דָאס אִיךְ הָאבּ קַיין אוּנְרֶעכְט גִיטָאן מַיין הֶערְץ טוּט מִיר וֵויה וָואס אִיךְ מוּס מִיךְ פוּן דִיר יֶעצְט שֵׁיידְרִין · אוּנ צוּ לָאזִין דִיךְ אִין אַיין גְרוֹיסִין מֶער פוּן קוּמֶער אוּנ שְׁמֶערְץ · וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ ; אָבֶּער דָאס בֶּעט אִיךְ דִיךְ זַאיי מִיר דָא נִיט פַאלְשׁ · אוּנ מַאכֶע אוֹיף מִיר קַיין בּוּנְד · נָאךְ מַיינֶעם אָפּ רַייזֶען · וַוייל אִיךְ וֶועל נָאךְ דֶעם פוּן דִיר גֶעווִיס רַאכֶע נֶעמֶען · אִיךְ וֶועל מוּזִין אוֹיף שְׁפַּאלְטִין מַיין הֶערְץ וָועלְכֶע דַיין לִיבְּשַׁאפְט אִיז אִין אִיר אַיינְגֶעשְׁלָאסֶען · אוּנ דִיא בֶּעזְדֶער פוּן אוּנְזֶער לִיבְּשַׁאפְט וֶוער אִיךְ אוֹיף אֵייבִּיג צוּ רַייסֶען · גֵייא דוּא

טיראן

טִירַאן׳ הָאט מִרְיָם גִיעָנְטְפֶערְט ׳ וַייא זִיכֶער ׳ אַז מִרְיָם וָועקְכֶעם וִויא אִיז דִיא לֶעצְטֶע פוּן דִיא חַשְׁמוֹנָאִים ׳ דִיזֶע וִויל פוּן דִיר קַיין שׁוּם נְקָמָה נֶעמְעֶן ׳ וַוייל זִיא הַאסְט דִיךְ ׳ אוּנ אִיךְ הָאבּ דִיךְ אוֹיף אֵייבִּיג פַיינְד ׳ דָאס הָאט זִי גִירֶעט ׳ אוּנ אִיז מִיט שְׁטוּרְם אַרוֹיס גִינַאנְגֶען פוּן אִיר צִימֶער ׳

הוֹרְדוּס אִיז אַיין אוֹיגֶענְבְּלִיק אִין גְרוֹיס צָארְין גִיוֶועזִין ׳ עֶר הָאט מִיט זַיין פוּיסְט גִישְׁלָאגִין זִיךְ אִין הַארְצִין ׳ אוּנ הָאט גִיזָאגְט ׳ הַלְוַאי וָואלְט אִיךְ דִיךְ מִרְיָם נִיט גִיזֶעהָען ׳ דַאן וָואלְט אִיךְ נִיט גִיוואוּסְט פוּן פַּיין אוּנ פוּן שְׁמֶערְץ ׳ ׳ ׳ אָבֶּער אִין אֵיינֶע וַוייל֗ע אַרוּם הָאט עֶר זִיךְ גִיטְרֵייסְט אוּנְד הָאט אִיר פַּיינְדְשַׁאפְט אוֹיש גִירַאכְט ׳ זַיינֶע הָאפְנוּנג הָאט אִים נֶעשְׁמֵייכִילְט ׳ דָאס אִין דֶער צוּקִינְפְטִיגֶע צַייט וֶועט זִיא מִיט אִים ווִידֶער גוּט פְרַיינְד וֶוערִין ׳ אִין הוֹרְדוּס צִימֶער אִיז גִיזֶעסִין זַיינֶע שְׁוֶועסְטֶער שְׁלוֹמִית ׳ אוּנ הָאט אוֹיף אִים גִיוַוארְטֶעט ׳ אַלְס עֶר אִיז גִיקוּמֶען ׳ הָאט זִיא אִים גִיפְרֶעגְט נוּא וִויא הָאסְטוּ זִיא גֶעטְרָאפִין אִיר הֶערְץ אִיז צוּ דִיר גוּט אָדֶער נִיט ? נִיט זֵייעֶר גוּט ׳ הָאט הוֹרְדוּס גִיעֶנְפֶערְט ׳ נוּן בֶּעדַארְפְסְטוּ אִיר לִיבּ הָאבִּין מַיין בְּרוּדֶער ? וָואס פַאר אַגֶעזִיכְט הָאט זִיא דִיר גֶעוִויזֶען ׳ אַלְס דוּא הָאסְט אִיר גִיזָאגְט ׳ אַז דוּא הָאסְט דַיין עֶלְטֶערִין זוּהְן פוּן דֶער מְלוּכָה וֶועג גִישַׁאפְט ׳ אוּנ דוּ וֶועסְט זֶעצֶען דִיא קְרוֹין אוֹיף דֶעם קָאפּ פוּן אִיר זוּהְן ? דָאס אִיז בַּיי אִיר גָאר נִיט ׳ הָאט הוֹרְדוּס גִיעֶנְפֶערְט ׳ צוּ וָואס זָאל זִיא דִיר דַאנְקֶען ? הָאט שְׁלוֹמִית גִיזָאגְט ׳ וֶוען זִיא וַויים דָאס אוֹיךְ אָן דִיר וֶועט זִיא אִירֶע קִינְדֶער צוּם טְרָאן זֶעצֶען ׳ שְׁלוֹמִית ׳ הָאט הוֹרְדוּס מִיט שְׁמֶערְצֶען גִיזָאגְט ׳ דוּא קֶענְסְט נִיט אוּנ דוּא פַאר שְׁטֵייסְט נִיט דִיא גִידַאנְקֶען פוּן דִיזֶע פְרוֹיא ׳ הַיינְט קֶען אִיךְ אִיר נִיט ? הָאט שְׁלוֹמִית גִיזָאגְט מִיט גְרִימְצָארִין ׳ אִיךְ וַוייז דִיר נָאר ׳ וִויא

פאלש

פַאלְש זִיא אִיז צוּא דִיר · זִיא הָאט גִילֶעבְּט מִיט דַיין גוּטִין פְרַיינְד אַנְטוֹנִיוּס · אוּנ יֶעצְט מִיט אָקְטַאוְויַאנוּס אוּנְד זִיא זוּכְט אַלֶע מִיטְלֶען דִיךְ אוּנְגְלִיקְלִיךְ צוּא מַאכֶען : אוּנ דוּא הָאסְט אִין אִיר אַזוֹי פִיל אַיין גֶעטְרוֹיט · אוּנ הָאסְט צוּא לִיבּ אִיר אַרוֹיס גֶיאָגְט דַיינֶע מוּטֶער מִיט דַיינֶע שְׁוֶועסְטֶער · אוּנ אוֹיךְ דַיין עֶלְטֶערְן זוּהְן · הִירְדוּס הָאט אִיר דֶערוֹיף נִיט גִיעֶנְטְפֶערְט · עֶר הָאט צוּ אִיר נָאר גֶעזָאגְט : גֵייט אִין מַאשַׁאדָה · דָארְט וֶועט אַייךְ גָאר נִיט פֶעלֶען · שְׁלוֹמִית אִיז פוּן אִים מִיט צָארְן אָבְּגִיגַאנְגֶען ·

דֶער נָאךְ הָאט הוֹרְדוּס צוּא זִיךְ גֶערוּפֶען דֶעם מִינִיסְטֶער פִינַאנְס זַיין שְׁוָואגֶער יוֹסֵף דֶער מַאן פוּן שְׁלוֹמִית אוּנ עֶר הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט : וִויא אִיךְ קֶען דִיר פַאר אַיין עֶרְלִיכְען מַאן · וְויל אִיךְ דִיר מַיין גַאנְצֶע מַיעֶרְקַייט אִין דַיין הַאנְד אִיבֶּער גֶעבֶען · אִיךְ מַאךְ יֶעצְט מַיין רַייזֶע צוּא דֶעם אָקְטַאוְויַאן · הָאבּ אִיךְ מַיינֶע רֶעגִירוּנְג דֶער וַוייל אִיבֶּער גִיגֶעבִּין צוּ מַיינֶעם בְּרוּדֶער פֶערְרַאס · אַנְטִיפַאטוּר מַיין זוּהְן פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע פְרוֹי דוֹרִים הָאבּ אִיךְ גִישִׁיקְט אוֹיף יֶענֶעם זַייט יַרְדֵן · מַיינֶע מוּטֶער אוּנ מַיין שְׁוֶועסְטֶער נָאךְ מַאשַׁאדָה · נָאר וַוייל אִיךְ פֶערְשְׁטֵייא אַז מִרְיָם מִיט אִירֶע צְוֵוייא קִינְדֶער וֶועלִין דָא אוֹיךְ נִיט בְּלַייבִּין · דְרוּם בֶּעט אִיךְ דִיךְ אַז דוּא זָאלְסְט זֵיי אַרַיין נֶעמֶען אִין דֶעם שְׁלָאס פוּן אַלֶכְּסַנְדְרִיוּם · אוּנ דוּא זָאלְסְט אוֹיף זֵייא וַואכֶען ·

פָאטֶער קֶענִיג · הָאט יוֹסֵף גִיעֶנְטְפֶערְט מִיט עֶרְשְׁטוֹינֶען · אֵיינֶע שְׁוֶוערֶע זַאכֶע הָאסְטוּ פוּן מִיר פֶערְלַאנְגְט · עֶס אִיז פִיר מִיךְ קַיין עֶהְרֶע · אַז אִיךְ זָאל זַיין אַיין וֶועכְטֶער · אִיבֶּער פְרוֹיֶען אוּנ קִינְדֶער · אָבֶּער מִיט דִיזֶעם וֶועל אִיךְ פוּן דִיר זֶעהֶען דַיינֶע טְרַייעֶ פְרַיינְדְשַׁאפְט · מַיין בְּרוּדֶער , — הָאט אִים הוֹרְדוּס גִיעֶנְטְפֶערְט נָאךְ אֵיינֶע זַאכֶע בֶּעט אִיךְ דִיךְ יוֹסֵף · אִיךְ וֵוייס נִיט וִוי אָקְטַאוְויַאן

וָועט מִיךְ אָן נֶעמֶען ׳ גוּט אָדֶער שְׁלֶעכְט אוּנ פִילַאייכְט הָאט מָען מִיךְ דָארְט אַזוֹ פִיל מַלְשִׁין גִיוֶועזִין ׳ דָאס דֶער רוֹמִישֶׁער פִירְסְט ׳ וָועט מִיךְ דָארְט הַאלְטִין גִיפַאנְגֶען ׳ בֶּעט אִיךְ דִיךְ יוֹסֵף אַז דוּא זָאלְסְט מִיט דַיין אֵייגֶענֶע הַאנְד עֶרְמָארְדִין מַיינֶע פְרוֹיא מִרְיָם הַחַשְׁמוֹנָאִית אִין דֶער שְׁטִילֶע נַאכְט ׳ אוּנ אִירֶע קִינְדֶער אִין דֶעם טַייךְ וַוארְפֶען ׳

יוֹסֵף הָאט עֶס דֶער הֶערְט אוּנ אִיז פַאר צִיטֶערְט גִיוָוארִין ׳ דֶענְמָאל הָאט הוֹרְדוּס אוֹיף גֶעהוֹיבִּין זַיין קָאפּ מִיט שְׁמָאלְץ אוּנ הָאט צוּ אִיהְם גִיזָאגְט : הֶער צוּ יוֹסֵף וִויא דוּא וַוייסְט דָאךְ שׁוֹין בַּייא מִיר פוּן אַלֶע מַיינֶע גֶעהֵייכְנִים ׳ מוּסְטוּ מִיר שְׁוֶוערִין אַז דוּא זָאלְסְט פוּן מַיינֶע רֵייד גִיט מְשַׁנֶה זַיין ׳ אוּנ אוֹיךְ נִיט צוּ פַאר טְרוֹיעֶן עֶס פַאר קַיין מֶענְשֶׁען אוֹיף דֶער וֶועלְט ׳ יוֹסֵף הָאט אִים דֶערוֹיף גִישְׁוָוארִין ׳ אוּנ הוֹרְדוּס הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט ׳ אִין קַאלְט מוּטְּה : אוֹיב גְלַייךְ אַז אִיךְ וֶועל פַאלֶען וָועט מַיין בְּרוּדֶער פֶערְרָאס בְּלַייבֶען בַּייא דֶער מְלוּכָה פוּן יְהוּדָה ׳ אָבֶּער דִי מִרְיָם הַחַשְׁמוֹנָאִית זָאל זִיךְ בַּייא מַיינֶעם טוֹיט אוֹיךְ פוּן מִיר נִיט שֵׁיידְען ׳ דֶען זִיא מוּז אוֹיךְ מִיט מִיר צוּא גְלַייךְ שְׁטֶערְבֶּען — אַזוֹי הָאט הוֹרְדוּס בֶּעפָאהְלִין פַאר זַיינֶעם אוֹיס גֵיין צוּ אָקְטָאוְויַאן ׳

לִיבֶּע לֶעזֶער אוּנ לֶעזֶערִין ! וִויא דִיא זַאכֶע אִיז צוּ גִינַאנְגֶען מִיט דֶעם הוֹרְדוּס אַלְס עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּא דֶעם נַייעֶם רוֹמִישֶׁען מַאנַארְכֶען אָקְטָאוְויַאן אִיז אִיבֶּעְרִיג צוּ עֶרְצֵיילֶען עֶס פֶערְשְׁטֵייט זִיךְ פוּן זֶעלְבְּסְט דָאס עֶר הָאט זִיךְ פַאר אִים זַייעֶר עֶרְנִידְרִיגְט ׳ עֶר הָאט אַרָאפּ גִינוּמֶען דִיא קְרוֹין פוּן זַיין אֵייגֶענֶעם קָאפּ אוּנ הָאט עֶס דֶעם אָקְטָאוְויַאן אִיבֶּער גִיגֶעבִּין אִין הַאנְד ׳ עֶר הָאט זִיךְ צוּ אִים צוּ גֶעשְׁמֵייכֶלְט אוּנ הָאט אַרוֹיף גִיוָוארְפִין דֶעם שׁוֹלְד אוֹיף

דעם

דָעם פָאלְק · עֶר הָאט גְיזָאגְט אַז דָאס פָאלְק רֵיידָעץ אִים צוּא אָן
דָעם מַלְכוּת פוּן רוֹם כּוֹרֵד צוּ זַיין · נָאר עֶר ווִילִינְט נִיט אַיין · דְרוּם
זַיינָען זַייא אִים שׂוֹנְאִים אוּנ הָאבָּען אוֹיף אִים אָן גִירָעט · דָער
מַאנַארְכָא הָאט אִים גִינְלוֹיבְּט אוּנ הָאט אִים ווִידָער בְּעפֶעסְטִיגְט
זַיין מְלוּכָה אוֹיף יְהוּדָה · אוּנ לְבַד ווָאס עֶר הָאט אוֹיף זַיינֶעם קָאפּ
צוּרִיק דִי קְרוֹין גִיזֶעצְט · עֶר הָאט אִים נָאךְ אוֹיךְ גֶעשֵׁיינְקְט מַתָּנוֹת
עֶר הָאט אִים אָפּ גִיגֶעבִּין דָעם נָארְדְלִיכָעזְ גֶעגֶענְד פוּן שׁוֹמְרוֹן
אוּנ דָעם פָארְט אִין דִיא לֵיינְג פוּן וֶועסְטְלִיכֶען מֶער · אוֹיךְ דִי
שְׁטָאט יָפוֹ ווָעלְכֶע בַּייא דָעם פָּארְט שְׁטֵייט · אוּנ דָער צוּא הָאט
עֶר אִים אוֹיךְ גְשֵׁיינְקְט פִיר הוּנְדֶערְט מַאן פוּן זַיינֶע רוֹמִישֶׁע מִילִיטָער
אַזוֹ ווַייט הָאט הוֹרְדוֹס בַּיי דָעם רוֹמִישֶׁעז מַאנַארְכֶעז אוֹיס גִינוּמֶען ·

ניינטער קאפיטעל

אַלְס הוֹרְדוֹס אִיז צוּא רִיק פוּן רוֹם נָאךְ יְרוּשָׁלַיִם גִיקוּמֶען ·
הָאבִּין אִים דִיא לַייט פוּן שְׁטָאט אוֹיף גְינוּמֶען מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד ·
אוּנ ווִיא דָער קֶענִיג אִיז גֶעקוּמֶען אִין זַיין שְׁלָאס · אִיז עֶר גְלַייךְ
גִיגַאנְגֶעז נָאךְ דָעם הוֹיף וואוּ זַיינֶע פְרוֹיא מִרְיָם זִיצְט · מִרְיָם אִיז
גִיזֶעסֶעז פֶער קִימֶערְט אִין אִיר צִימֶער · אוּנ עֶר אִיז צוּ גִינַאנְגֶען
צוּ אִיר מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט אוּנ הָאט אִיר אוּמְבֶּעאַרְמְט · אוּנ זִיא
אִיז גֶעשְׁטַאנֶען ווִיא אַיינֶע הַארְטֶע בּוֹים · זִיא הָאט זִיךְ קֵיין רִיר
גִיטָאן זִיא אִיז גִיוֶועזֶן אַזוֹ קַאלְט בְּלִיטִיג גְלַייךְ ווִיא אִין דָעם טָאג
ווָאס עֶר הָאט זִיךְ פוּן אִיר גִישֵׁיידִין · אוּנ זִיא הָאט זַיינֶע אַרְמֶען פוּן
אִיר אָבְּגִיווָארְפִין · מִיט אִיר שְׁטָאלְץ הָאט זִיא פֶער אַכְטֶעט אוּנ
פֶערְהַאסְט זַיין לִיבְּשַׁאפְט ווָאס עֶר הָאט צוּ אִיר גֶעווִיזֶען · מִרְיָם!
הָאט הוֹרְדוֹס אוֹיס גִירוּפִין · זֶעה אִיךְ בִּין דָאךְ צוּ רִיק גִיקוּמֶן מִיט
מַיינֶע קְרוֹין · אִיךְ בִּין שׁוֹין זִיכֶער מִיט רֶעגִירוּנג · אִיךְ ווִיל דִיךְ

מִיט פְרֵיידֶע אִיבֶּר רַאשֶׁען · דוּ ווֵייסְט דָאךְ אַז אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ , אוּנ אִיךְ פְרֶעג דִיךְ וָואס מַאכְסְטוּ ? בִּיסְטוּ גֶעזוּנְד ? דוּא ווִילְסְט מִיךְ גָאר נִיט אוֹיף נֶעמֶען ? דַיין עֶהְרֶע אִיז בַּייא מִיר קַיין גְרוֹיסֶער הָאנָאר · הָאט אִים מִרְיָם גִיעֶנְטְפֶערְט · דַיינֶע פְרֵיידֶע אִינְטֶערֶעסִירְט מִיךְ גָאר ווֵייניג · דַיין וָועג גֵיין אוּנ דַיין קוּמֶען אִיז מִיר גְלַייךְ · ווִיא לַייד עֶס נִיט אֵיינֶע פְרוֹיא אִירֶעם מַאן ? הָאט הוֹרְדוֹס אוֹישׁ גִישְׁרִיעֶן · ווִיא אִינְטֶערֶעסִירְט דִיךְ נִיט פַאר דַיינֶע קִינְדֶער ? גִינוּג זָאל שׁוֹין זַיין דִיר זִיךְ צוּ קְלֶעפֶּען ! אִיךְ הָאבּ גִיגְלוֹיבְּט דָאס מִרְיָם אִיז שׁוֹין גִיהֵיילְט גִיוָוארִין פוּן אִיר קְרַאנְקְהֵייט · קוּם שׁוֹין אַיין מָאל צוּ זִיךְ · אוּנ זֶעה וָואס פַ״ר אַיין עֶהְרֶע מִיר הָאבְּן · דוּ הָאסְט אִיבֶּר גִישְׁנִיטִין דִי שְׁטְרוּנֶעס פוּן מַיין מוּנְטֶערֶעם הַארְץ · דוּ הָאסְט נִיט גֶעשׁוֹינְט מַיינֶע גִיטֶע · נוּן ווִיא פֶערְלַאנְגְסְט דוּ צוּ הֶערִין אַיינֶע לִיבְּלִיכֶע שְׁטִימֶע פוּן מַיינֶע צוּ בְּרָאכֶענֶע פִידֶל ? דוּא הוֹרְדוֹס דוּא קֶענְסְט נָאר בְּרֶעכִין אָבֶּער נִיט צוּ בּוֹיעֶן · מִרְיָם · הָאט הוֹרְדוֹס צוּ אִיר גִיזָאגְט · דֶער מָאן מִיר נִיט מַיינֶע עֶרְשְׁטֶע שׁוּלְדִין · לָאז דִיא טוֹיטֶע רוּעֶן אִין זֵייעֶרֶע רוּהֶע אָבֶּר דוּ לֶעבּ · דוּ זָאלְסְט לֶעבְּן אִין נוּטְץ אוּנ פְרֵייד ווַייל דוּ בִּיסְט נָאךְ יוּנְג · אוּנ דוּ הָאסְט נָאךְ גָאר קֵיינֶע גוּטֶעס גִיזֶעהְן :

דוּא פַאר נֶעסְט הוֹרְדוֹס צוּ וָועמֶען דוּא רֶעדְסְט · אִיךְ פֶער נֶעם דָאס אָבֶּער נִיט · ווִיא אַיין גִיפַאנְגֶענֶע הָאסְט דוּא מִיךְ גִיהַאלְטִין אִין אַלֶכְּסַנְדְרִיָה · אוּנ דַיינֶעם שְׁוָואגֶער הָאסְטוּ בַּאפוֹילִין· אוֹיבּ עֶר וָועט ווִיסִין דָאשׁ דוּא הָאסְט בַּייא דֶעם אָקְטָאווְיַא נִיט אוֹישׁ גִינוּמֶען · אוּנ דוּא וָועשְׁט זִיךְ דָארְטִין מוּזִין אָבּ שְׁטֶעלִין · דַאן זָאל עֶר מִיךְ מִיט מַיינֶע קִינְדֶר עֶרְשְׁטֶעכְן · — ווִיא אַזוֹ ווַייסְט דוּ דָאשׁ ? — הָאט אִיר דֶער קֶענִיג מִיט עֶרְשְׁטוֹינֶען גִיפְרֶעגְט · — ווִיא זָאל אִיךְ נִיט ווִישִׁין · ווֶען אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהֶען דִי שְׁווֶערְד אִיז

שׁוֹין

שוין גיהאנגען איבר אונזערע קעפ ? ניין הורדוס · דו האסט מיר אליין גינעבין פרינקען הייוועך אונ גיפט · אונ דו וואונדערסט דיך נאך וואָרום מיין בויך איזט גישוואָלין ? נייא פון מיר אוועק · נייא צו ריק אין דעם אָרט פין וואנען דו ביסט גיקומען מיט דיין גאנצע משפחה — דו גידיינקסט דאש קעת דו האָסט אָרגערייזט האָב איך נעשריען צו דיר מיר זיינען גימערנט · אונ יעצט אלס דוא ביסט צו ריק גיקומען שרייא איך אויש דו ביסט גישטאָרבין · דיין שאָרף מייסטער האט דאך שוין געשליפין זיין שווערד מיך צוא דער שטעכין · נוא זאָל דיר דאכטין דאש מרים איז שוין פון לאנג או דער שטאכין גיוואָרין אונ זיא ליגט שוין אין איהרע רוהע! — מיט שמערצליכע הערצן האט הורדוס צו גיהערט די רייד פון מרים · אונ אן איין וואָרט צו ענטפערין איז ער ארויש גיגאנגען פון איר צימער · אונ איז גיקומען אין זיין פאלאץ · דאָרט האט ער גיפונען אלע גרעסטע איידל לייט האבין זיך פאר זאמילט אונ געהאַרט אויף זיינעם קומען · באלד וויא ער איז אריין גיגאנגען · האט ער מיט גרוים צאָרין אויש געשריהען וואו איז יוסף דער מיניסטער פינאנסי ? באלד איז יוסף פאר אים גיקומען · האט דער קעניג גיהייסין כען זאל אים אין ארעסט זעצין · — אין איינינע שטונדין איז צו אים געקומען זיינע שוועסטער שלומית, וואָרום מיין ברודער זעהסט דוא אזוי שלעכט אוים ? האט אים שלומית ניפרעגט · ווען דיינע פרויא האט דיך · דרום ביסטו צאָרניג אויף מיינעם מאן ? וואס האט ער גענען דיר געזינדיגט · וואס דוא האסט אים אין ארעסט גיזעצט ?

ווייל ער איז מיר פאלש ! האט הורדוס גיענטפערט · ער האט פאר מיינע פרויא אוים געזאגט מיינע געהייכנים וועלכען איך האב אים פאר מיינע רייזע פערטרויט ! יעצט ווייס איך שוין,

האט

הָאט שְׁלוֹמִית גִיזָאגְט : יֶעצְט וַוייס אִיךְ שׁוֹין פַאר וָואס מַיין מַאן הָאט מִיךְ שׁוֹין פוּן שֵׁיינֶע עֶטְלִיכֶע מָאנַאטִין נִיט בֶּעזוּכְט · עֶר לִיבְּט דִיא מִרְיָם , וְיא אִיז פִיל שֶׁענֶער פוּן מִיר , דוּא מֵיינְסְט מַיין בְּרוּדֶער , אַז פִילַייכְט אוּמְזִיסְט הָאט אִיר יוֹסֵף דַיין גִיהֵיימְנִיס פֶערְטְרוֹיט ? וַוייל עֶר לִיבְּט אִיר , אוּנ זִיא הָאט גְעוִוים פֶערְשְׁפְּרָאכְן אִים לִיבּ צוּ הָאבִּין דַאפִיר , דוּא מוּסְט מַיין בְּרוּדֶער פוּן אִיר רַאכֶע נֶעמֶען , דַאמִיט מִיר זָאלִין פוּן אִיר מֶער קֵיינֶע שַׁאנְדֶע הָאבִּין !

הוֹרְדוֹס הָאט אִיהְרֶע רֵייד רוּהִיג אויס גִיהֶערְט , דֶער שַׁארְפְרִיכְטֶער אִיז אַרַיין גִיקוּמֶען אִין הוֹיז · אוּנ הָאט צוּם קֶענִיג גִיזָאגְט : אִיךְ הָאבּ גִימָאן וָואס דוּא הָאסְט מִיר בֶּעפָאהְלֶען , נָאר דֶער אַרֶעסְטַאנְט פֶערְלַאנְגְט פוּן דִיר , דָאס אֵיידֶער דוּא וֶועסְט פַאר אִים פָארְלֶעזֶען זַיין דֶעקְרָעט , זָאלְסְט אוֹיס הֶערִין זַיינֶע רֵייד אַלְס דֶער רוֹמִישֶׁער קֵייזֶער הָאט צוּ פַאר אוֹיךְ דַיינֶע רֵייד אוֹיס גִיהֶערְט , הוֹרְדוֹס הָאט בֶּעפָאהְלֶען אַז מֶען זָאל אִים בְּרֵיינְגֶען , אַלְס יוֹסֵף אִיז גִיקוּמֶען פַאר דֶער קֶענִיג , הָאט עֶר נִיט בֶּעמֶערְקְט · דָאס זַיין וַוייבּ שְׁטֵייט אוֹיךְ דֶער בַּייא · עֶר אִיז דֶעם קֶענִיג צוּ דִי פִים נֶעפַאלֶען , אוּנ הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט : אִיךְ וִוינְשֶׁע פוּן דַיינֶעם מַאיְעסְטֶעט , דוּא זָאלְסְט מִיר עֶרְלוֹיבִּין דִיךְ צוּ פְרֶעגִין וָוארוּם דוּא בֶּעשׁוּלְדִיגְסְט מִיךְ · וָואס אִיז מַיין פֶערְבְּרֶעכֶען , מִיט וָואס הָאבּ אִיךְ גֶענֶען דִיר גֶעזִינְדִיגְט ? — דוּא בִּיזְט מִיר פַאלְשׁ ! הָאט הוֹרְדוֹס גִיעֶנְטְפֶערְט , דוּא הָאסְט גִיבְּרָאכִין דַיין שְׁבוּעָה אוּנ דוּא הָאסְט פַאר מַיינֶע פְרוֹיא מַיין גֶעהֵיימְנִים פֶערְטְרוֹיט , זָאג דִיא וָוארְהַייט · וָואס הָאט דִיר מַיינֶע פְרוֹיא דַאפִיר גֶעגֶעבֶּען ? זָאג דִיא וָוארְהַייט , אוּנ בְּלַייבּ לֶעבֶּען , אִיךְ מוּס דִיר זָאגִין קֶענִיגְלִיכֶע מַאיְסְטֶעט , אַז דוּ אִירְסְט , דַיינֶע פְרוֹי מִרְיָם , אִיז דִיר וִוירְקְלִיךְ טְרַייא , אוּנ דָאס וָואס אָן מִיר אָנְבֶּעלַאנְגְט וָואס אִיךְ הָאבּ פַאר

איר דיין געהיימניס אויש גיזאגט, ביסטו אליין שולדיג, ווייל דו
האסט דאך גיוואלט פראבירען אויב דיין פאלק איז צו דיר טרייא
דרום האסטו געשיקט פון ראהדוס נאך ירושלים איין שטאפעט
אונ דוא האסט אנגיזאגט אז דער קיסר אקטאוויאן האט דיר אין
ארעסט גענומען; אונ מיט דער צייט וועט דער שארפריכטער
דיין פאטער זיין, דאש האט מען צו מיר געשיקט אויך אנזאגען
אין אלכסנדריה, אונ האב דער פון זייער פיל שמערצען געליטען,
ווייל דאש פאלק האבין אין ירושלים אויף דיר איין בונד געמאכט,
איין שטאפעט נאך דעם אנדערן איז מיר גקומן זאגן אז איין גרוישע
פאלק ציט נאך אלכסנדריה צו בעפרייען דיא קעניגין מרים, אונ
ווילען איר זעצען אויף דעם קעניגליכען טראן פון יהודה, דענצמאל
איז גיקומען דיא צייט וואש איך האב בעדארפט דיין בעפאל צוא
ערפילען, ביי טאג האב איך פאר איר פאר גילעזין דיין באפעל
פאר איין עדות אונ גלייך ווייא עס האט גיגרייכט האלבע נאכט,
אלס איך האב שוין גיוואלט ערפילען דיין באפעל, איז געקומען
נאך אלכסנדריה איין יונגער מענש, ער הייסט מיט זיין נאמען
בן בבא, אונ ער האט פאר מיר גישווארין ׳ אז (דיא שלוחים)
האבין ליגין גיזאגט אז דוא זיצט דארט געפאנגען, דען אין
געגענטייל, דוא האשט ביי דעם רומישען קייזער זייער אויש
גינומען, אונ דעם אנדערע׳ טאג וועלין געוויש קימען פרידענס
באטהען אונ דער יונגער מענש איז גלייך פאר שוואנדען גיווארין
אונ האב אים פון דענמאל אן ניט גיזעהען, איך האב דיא מרים
פון דעם שראכט באנק לויז גימאכט, אונ אויף מארגין זיינן גיקומען
שטאפעטען פון דיר אז דוא האשט גאט זייא דאנק גרויש חן אין די
אויגין פון דעם רומישען קייזער, איך זאג דיר דיא ריכטיקייט,
אז איך בין ריין אונ האב גאר קיין שולד! — הורדוס איז גיזעסין

זייער

ווייטער צו טראגן, אונ שלומית איז זיך אין דר שטיל נאך הויזע גיגאנגן, אונ צו יוסף האט הורדוס גיזאגט גייא יוסף נאך הייזע דו בישט פרייא! אדש ער איז ארויש גיגאנגן, האט ער הינטער דער מיר גיהערט וויא הורדוס זאגט · א מיינע געליבטע מרים, מיט וואש קען איך דיך יעצט איבער בעטין דאש דוא זאלטט מיינע זינד פערגעבען!

צעהנטער קאפיטעל

פיל גידאנקען האבין גישטורעמט ביי הורדוס אין הערצן· ווייל ער האט די מרים זייער ליב · אונ זיא האט אים שרעקליך גיהאסט · ער איז אויף זיך אליין גיוועזין זייער אין כעס · פאר וואש ער קען אויך ניט אויש וואורצלען איר ליבשאפט פון זיין אייגענעם הערצען; איין מאל · האט ער בייא זיך בעשלאסין · אז נאך איין מאל זאל ער צוא איר גיין · פראבירען איר איבער בעטען · אהין אדער הער · אונ מאכען איינע ענדע צוא זיינע שמערצליכע גידאנקען! גלייך איז ער צו איר גיגאנגען · אונ האט גיזאגט: מרים! איך ווינש מיר בעסער צוא שטארבען אלס צוא לעבען אין ספק · איך לייד ניט דיין רוגז אונ דיין צארין מיינע גידאנקען לאזין מיך ניט רוהען · איך האב שוין מער קיין קרעפטין אוים צו האלטין, זאל זיין איינס פון צווייא, אדער מיר זאלין גוט לעבען וויא אמאל איז גיוועזין אין פרידען אונ ליבשאפט; אדער מיר זאלען איינע פון דיא אנדערע זיין געשייד אונ געטרענט אויף אייביג! — מיר זיינען גיטרענט · האט מרים גיענטפערט, דוא פרעג זיך ניט אויף מיר נאך, אזוי וויא איך וועל זיך אויף דיר קיין מאל נאך פרעגען · גיין מרים, ווען דוא ביסט בייא מיר · אונ דוא וועסט צו מיר ניט גוט זיין, דאן איז מיין לעבין מיר פינצטער,

אונ

אונ איך בין אום גליקליך ! האט הורדוס גיענטפערט :

אויב אזו · האט זיך מרים ווידער אפ גרופן · שיק מיר אוועק פון דיר · וואו דו ווילסט · פאר זעץ מיך אין עק וועלט · אדער אין איין אויסטין שלאס · איך ווער אויף אלץ מרוצה ·

בליק דאך מרים איין מאל אויף מיר מיט איין גוטע אויג · אונ זאיי ניט בייז · ערלויב מיר איין מאל דיר אן צוא רירין · אונ גלייך איז הורדוס איר גיפאלן צו די פיס אינ האט צו איר גזאגט :

זעה דאך מרים וויא דער קיניג ערנידעריגט זיך פר דיר · ער פאלט דיר צו די פיס · זאיי ניט בייז · ערלויב מיר דיין האנט צו פאסין ·

יא הורדוס ! אזו בין איך דיר אויך אמאל צו דיינע פיס גיפאלין אונ איך האב דיר גבעטין דו זאלסט מיין גרויספאטער לאזין לעבן · אזו האב איך דיר אויך דיינע הענט גיקישט אונ האב דיר גיבעטין זאלסט מיטלייד האבן איבער דעם אלטין מאן · איך האב דיר פר זיכערט איביג ליב צו האבין · נאר פר די ווייניג יארין וואס דוא וועלסט אים לאזין אוים לעבין · — אבער אזו וויא דוא האסט מיר דאמאלס ניט גיוואלט צי הערן אזו וויל איך דיר יעצט ניט הערין · איך נעם ניט אן פון דיר קיין גיבעט ! איין לאנגע צייט האב איך גיהאפט פון דיר ראבע צו נעמען · יעצט האסט דו דיין שטראף אונ איך מיין ראבע !

הורדוס איז אויף גישטאנן פון דר ערד · אינ איז ארוים גגאנגען מיט גרויס צארין · באלד איז אים אקעגין גיקומען זיין טראנק שענקער · ער האט צוא אים גיזאגט · דאס דיא קיניגין האט אים גירופין אין מיטין נאכט · אונ זיא האט אים פערשפראכין גוט צוא באפרידיגין אויב ער וועט אריין טאן גיפט אין דעם בעכער פון דעם קיניג · דא האט דר קיניג ווידער מיט כעס אוים גירופען : אזו מרים ! דו גראבסט אויף מיר איין גרוב ! דוא ווילסט מיר אויך פר

גִיפְּטִין · נון יָעצְט מוּזְט דוּ שְׁטַארְבֶּן ! דוּ בִּיסְט שׁוּלְדִיג דֶעם טוֹיט ! דֶר קֶינִיג הָאט גִילָאזְן פַר זַאמְלֶן דִי רִיכְטֶער · דֶר שַׂר הַמַשְׁקִים הָאט פַאר זַייא עֵדוּת גִיזָאגְט · אוּנ הוֹרְדוֹס הָאט אוֹיךְ אַבִּיסִיל וַוייהְרוּךְ צוּ גִיגֶעבִּין · אַזוֹ הָאבִּן דִיא רִיכְטֶער אוֹיךְ גִירִיכְטֶעט צוּם טוֹיט דִיא קֶינִיגִין מִרְיָם · דִי לֶעצְטֶע צְוַוייג פוּן דִיא פַאמִילְיֶע הַחַשְׁמוֹנָאִים !

אַלְס דִיא רִיכְטֶער הָאבִּין בֶּעשְׁלָאסִין אִיר דֶעקְרֶעט צוּם טוֹיט · הָאבִּן זֵייא עֶס אָפּ גִילֵייגְט אוֹיף אַיין בֶּעשְׁטִימְטֶע צַייט · דֶער ווַיילֶע אִיז גְקוּמֶען שְׁלוֹמִית אוּנ הָאט גִירוּנְגֶען מֶענְטְשִׁין וְועלְכֶע הָאבִּן מִיט פְלַייס גִימַאכְט אַיין בּוּנְד · אוּנ זֵיי זַיינֶען אָן גִיפַאלְן אוֹיף דֶעם פֶעסְטוּנְג ווָאס מִרְיָם אִיז דָארְטְן פַאר שְׁפַּארְט גִיוֶועזִין · אוּנ הָאבִּן אִים גִיווָאלְט צוּ בְּרֶעכִין כְּדֵי דִי מִרְיָם פְרַיי צוּ מַאכְן · אוּנ וִויא דֶער קֶינִיג הָאט גִיזֶעהֶען דָאס מִיט אִים הַאלְט נִיט גוּט · הָאט עֶר בַּאלְד פַאר זָאגְט אַז מֶען זָאל זַיין גִילִיבְּטֶע פְּרוֹיא מִרְיָם בְּרֵיינְגֶען צוּם שְׁלַאכְט · מִרְיָם אִיז פוּן דֶער טוּרְמֶע גִינַאנְגֶען צוּם שְׁלַאכְט אִין קֶינִיגְלִיכֶען אוּבְּיָאר · מִיט שְׁטָאלְץ מוּנְטֶער אוּנ פְרֵיילִיךְ גְלַייךְ ווִי מֶען גֵייט צוּם טַאנְצִין · אוּנ דִיזֶער טִירַאן הָאט אִיר נִיט עֶרְלוֹיבְּט אֲפִילוּ אָפּ שֵׁייד צוּא נֶעמֶען פוּן אִירֶע קִינְדֶער ! אִיר מוּטֶער אַלֶכְּסַנְדְרִיָה · זִיא הָאט זִיךְ אוֹיךְ גִישְׁרָאקִן פַר אִיר לֶעבִּן דָאס דֶר מֶערְדֶער זָאל אִיר אוֹיךְ נִיט בֶּעשׁוּלְדִיגְן דֶעם טוֹיט · הָאט זִיא אִיר טָאכְטֶער כְּלוֹמֶערְשְׁט גִיזִידִילְט · אוּנ הָאט אִיר גִישְׁמְרָאפְּט פַר ווָאס אִיז זִיא אִיר מַאן פַאלְשׁ גִיוֶועזִין · אוּנ זִיא הָאט פַר אַלֶעמֶען דֶעם הוֹרְדוֹס רֶעכְט גִיגֶעבִּן · אָבֶּער מִרְיָם הָאט גִישְׁווִיגִין אוּנ הָאט אִיר אוֹיס גְלַאכְט · אִין אֵייניגֶע מִינוּטִין · הָאט אִיר דֶר שַׁארְפְרִיכְטֶער אַרוּנְטֶער גִינוּמֶען דִיא קָאפּ אַזוֹ הָאט דִיא מִרְיָם מִיט אִירֶע שְׁמֶערְצִין אַלֶע אַיין עֶנְדֶע גִינוּמֶען ·

הוֹרדוֹס

עלפטער קאפיטעל

הורדוס האט אין זיין ציאָרער ניט גיקענט רוהען · ער איז הין אונ הער גינאנגען · איינינע מינוטין האט ער זיך זייער בעקימערט אונ גיקלעמט וואס ער האט זיינע ערליכע אונ ליבענס ווירדיגע פרויא גילאזין אום ברייגנען · אבער אין איין אוינען בליק האט ער זיך ווידער גיטרייסט אונ האט זיך איין גירעט דאס ער האט רעכט גיטאן · דר נאך איז ער ווידער אונרוהיג גיווארין · מיט איין ווארט זיין גיוויסין האט אים גיביסין · אלס מען האט אים גיבראכט פון איר דעם רינג וואס ער האט איר צו האכצייט גיטרויט · דאמאלס האט אים זיין גיוויסין נאך מער גיפלאגט · ביז ער איז גיפאלין אין איין מרה שחורה · ער איז גילאפן צו מרים אין איר צימער · אים האט זיך גידאכט דאס זיא לעבט · אלס ער איז דארטין גיקומען האט ער גיזעהען יוחנן בליקט אויף אים מיט ביסטרע אויגין אונ זיינע ווייסע האר זיינען אין בלוט איין גירוכט · וויא ער גייט אזו אום ביים מרים אין צימער · האט ער גיהערט וויא מען קלאפט אין טיר · אונ איין מאן איז ארויין גיקומען · הורדוס האט אים דער זעהען · האט אים גיווארפין פון ארט · ווייל זיינע גידאנקען האבין אים גישראקן · וויא קומסט דוא שמאי אהער אין דעם צ מער פון מיין גישטארבענע פרויא ? האט אים הירדוס גיפרעגט · זאג מיר שמאי דוא לעבסט · אדער דוא ביסט גישטארבין ?

הלוואי וואלסט דו מיך אויך הרגנן · דאן וואלט איך גיווים רוהיג זיין · האט אים שמאי גיענטפערט · דו פרעגסט מיך וויא קום איך אהער ? איך זוך אויך דיא מרים גלייך מיט דיר · מיר ביידע ווייגען אויף איר · אבער מיר ביידע זיינען ניט גלייך · איך האב איר גילערנט צו לעבן · אונ דו האסט איר גיבראכט צום טויט · אבער גוט וואס דוא האסט מיך דא דעם לעצטין מאל גיפונען · מער

ווערסט

װָעסְט דו מִיךְ שׁוֹין נִיכְט זֶעהָען · אִיךְ בִּין גְוֶועזִין לֶעהְרֶער דֶער װַארְהַייט אִין יְהוּדָה · אונ דוּ בִּיסְט שׁוֹין אויךְ פון יְהוּדָה דֶר לֶעצְטֶר קֶענִיג · אינ מֶער זֶעה אִיךְ דִיךְ אויךְ נִיכְט · אונ בַּאלְד איז שַׁמַאי פון אִיהְם פָּארְט גִינַאנְגֶען אונ פֶערְשְׁווּאוּנְדֶען פון זַיינֶע אויגֶען ·

דֶר קֶינִיג אִיז אוּם גִינַאנְגֶן אִין זַיין זַאל וִוי אַיין שִׁכּוֹר · פְּלוּצְלוּנְג הָאט צוּ אִים אַייגֶעטְרָאטֶען אַיין אַלְטֶער מַאן מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע אונ אַיין גִיפַאלֶענֶע אויגִין · דוּא בִּיזְט יָס, יוֹסֵף? הָאט אִים דֶער קֶינִיג גִיפְרֶעגְט מִיט בֶעווּאוּנְדֶערוּנְג · וָואס ווִילְסְט דוּ מִיר זָאגְן? — אַיין גִיוִויסֶער אינגֶלִיק הָאט גִיטְרָאפִין, הוֹרְדוּס, דֶער פֶּסַח הָאט זִיךְ אִין יְרוּשָׁלַיִם אוּ ם גִיבְּרָאכִין · אַלֶע דַיינֶע פְרַיינְד וָועלְכֶע הָאבִּין דִיא קֶינִיגִין בֶּעשׁוּלְדִיגְט · זַיינֶען פְּלוּצְלוּנְג צוּ שְׁטָארְבִּין· דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט זָעהְט יֶעצְט אוֹ ס וויא אַיין בֵּית עָלְמִין · מֶען קְלָאגְט אונ מֶען וַויינְט אִין אַלֶע גַאסִין, אַלֶע זָאגִין: דָאס דִיא בְּלוּט פון מִרְיָם פון דִי פַייכְטֶע עֶרְד בֶּעקְלָאגִין זִיךְ פַּאר גָאט · אֶ, מַיינֶע קִינְדֶער הָאט אויךְ דֶער טוֹיט פון מִיר גִירוּבִּט, אִיךְ אַלֵיין הַאלְט שׁוֹין אויךְ נָאהֶענְט צוּם שְׁטַארְבִּן · אִיךְ בִּין נִיקוּמֶען נָאר דִיךְ זֶענְגֶען · אונ בַּאלְד בִּין אִיךְ שׁוֹין נִיט מֶער דָא · — אוּנ בַּאלְד אִיז עֶר אויךְ פָּארְט גֶעגַאנְגֶען ·

הוֹרְדוּס אִיז גִיוֶועזִין פַר זוּנְקֶען אִין טִיפֶע גְדַאנְקֶען · עֶר הָאט פַּר לָאזְן דִיא שְׁטָאט מִיט זַיינֶע רֶעגִירוּנְג · אַיין לַאנְגֶע צַייט הָאט עֶר אוּם גִיאִירְט אִין דֶער וִוידְטֶענִים וִויא אַיין בְּלוּדְנֶער שֶׁעכְּס · עֶר הָאט גִיזָאגְט דָאס עֶר גֵייט אוּיס אויף פַּאלְיוַואנְגֶע · מֶען הָאט פון אִים קֵיין אַנְדֶערֶע וָוערְטֶער גִיהֶערְט נָאר מִרְיָם · אִיר נָאמֶען פְּלֶעגְט עֶר פון מוֹיל נִיט אַרוֹיס לָאזְין · אִין אַיין קוּרְצֶע צַייט אִיז עֶר קְרַאנְק גִיוָוארִין אונ אִיז גִישְׁטָארְבִּין ·